מאיר באגדאנסקי



**י. ה. בינענפעלד** וואס געפינט זיך אין שפיטאל איז געווארן איצט 75 יאר. ווינטשן מיר אים א רפואה שלימה און נאך א סך גוטע געזונטע יארן.

**שלמה זשיקאווסקי**, א פליט פון איצטיקן פוילן, א קולטור טוער, א טעאטער־מענטש איז איצט געווארן א בן שישים, ווינטשן מיר אים מיט זיין לעבע פרוי זיך איינהיימישן דא אין אונזער ישוב און ווייטער אנגיין מיט דער קולטור־ארבעט.

**ח. נ. בענקוויטש** האט מיטגעמאכט א פאר וואכן אין שפיטאל, געפינט זיך, אויף קאנוואלעסענס. ווינטשן מיר אים א רפואה שלימה.

ווי מיר הערן געפינט זיך פריינט **פייגנבלאט** אין שפיטאל מיר ווינטשן אים א רפואה שלימה.

**צביה גאלדבערג** איז ארויסגעקומען איצט פון שפיטאל. מיר ווינטשן איר געזונט און פרישע כוחות.

פריינט פון יידיש לשון

## יידיש ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס

(בער־נארד באראן סעטלמענט, העגריקעס סטר. 33 א.1. — 3 א זייגער)

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 12־10 (העפט 2־480) 31־סטער יאר אקט.־דעצעמ. 1970, לאנדאן

אינהאלט

כותל מערבי, אויב נישט שלום . . ., לכבוד חנוכה ........ ** 3
מיין טאטע יעקב יוסף בענקוויטש ........ ח. נ. בענקוויטש 8
אז איך וועל דערציילן, גרא ווי דער הערבסט (לידער) ...... עלא זילבערג 12
דער ערשטער קולטור קאמף (עסיי) ........ יעקב ריכטיגער 13
אויפן לאפציקער יאריד, ביים ים. (פראזע און פאעזיע) א. נ. שטענצל 17
מנשה ווייסגראז ע״ה ........ אייזיק גאלדבערג 29
שמואל וווהייט ........ מ. מארגנשטערן 31

## יידיש ליטעראַרישע שבת - נאכמיטאגס

בערנארד באראן סעטלמענט, העגריקעס סטר. 33, א.1. — 3 אזייגער

מיר בעטן די צייטונגען און זשורנאלן וואס באקומען „לשון און לעבן״, אונז צוצושיקן א טויש־עקזעמפלאר.

---

פרייז 2 שילינג

אבאנאמענט־פרייז :—26 שילינג פאר א יאר
אין אויסלאנד :—8 דאלאר א יאר
מיר בעטן צו מערקן די נייע אדרעס פון רעדאקציע :־
7 Greatorex House, Greatorex Street, London, E.1, England

אינהאלט:

מיר בעטן אונזערע אבאנענטן, זיי זאלן צושיקן זייער אבאנא־מענט אפצאל. דערמיט וועלן זיי פיל פארלייכטערן אונזער ארבעט.

---

*Published and Edited by* A. N. Stencl, *7 Greatorex House, Greatorex Street, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Street, London, E.1.*

## א בריוו פון די בארימטע אקטיארן מארק מארקאוו און עטא טאפעל

16.11.70, בולאווייא, ראדעזיא

מיין ליבער פריינט נעט,

ליידער האב איך דערהאלטן מיט א פארשפעטיקונג די ידיעה, אז אונזער פריינט, נעט רוביק, איז געווארן שוין א בן־שבעים, עד מאה ועשרים!

טא נעמט צו, ליבער פריינט, אונזערע ברכות פאר אסך גוטע און געזונטע יארן מיט הצלחה, נחת פון די קינדער און אייניקלעך. איר זאלט אויסלעבן מיט אייער ליבער פרוי אייערע יארן בשלום ושלווה און ווייטער אנגיין מוטיק מיט אייער וויכטיקער ארבעט לטובת יידיש לשון, און האלטן דעם נר־תמיד, אז ער זאל, חלילה, נישט פארלאשן ווערן.

מיט בעסטע ברכות און וואונטשן,
אייערע אלטע, איבערגעגעבענע פריינט,
מארקאוו־טאפעל

אז ג־אט וועט לאזן לעבן, וועלן מיר זיין אין לאנדאן דעם 14־17 יאנואר. מיר וועלן אייך לאזן וויסן.

מארקאוו.

## יידיש יעצט אין דער וועלט

דער פעראיין „בני ברית בן יהודה" האט איינגעארדנט א העברעאישן אוונט אויף דער טעמע: „יידיש יעצט אין דער וועלט" אין הויז פון געוועזענעם טשיף־רבי סער ישראל בראדע. דער שרייבער און יידיש־געלערנטער דר. יעקב מייטליס האט געהאלטן א רעפעראט: „יידיש ווי א שפראך". דער ייווא־סעקרעטאר דער שרייבער מיכאל זילבערבערג האט גערעדט איבער דער יידישער פרעסע, רבי דר. ישראל ברוידע, האט געפינען ווארימע ווערטער פאר יידיש פירנדיק דעם פארזיץ. דר. מאיר גערטנער האט געדאנקט די רעדנער און אויך לעדי ברוידע די רביצין פאר דעם פיינעם טיי מיט פארבייסן.

## רבקה נאראדיצקי ע"ה

אין עלטער פון 94 יאר איז אין ישראל געשטארבן די פרוי פון ר' ישראל נאראדיצקי ע"ה, דער גרינדער פון דער בארימטער נאראד־דרוקעריי, ווו יוסף חיים ברענער האט געארבעט ווי א פועל און ארויסגעגעבן זיין „המעורר".

די היים פון די נאראדיצקיס איז געווען א בית ועד לחכמים, ווו העברעאישע און יידישע שרייבער האבן זיך געפילט אין דער היים. פרוי נאראדיצקי האט ממש נאכגעקוקט ברענערן ווי אן אייגענע מאמע.

מיר דריקן אויס אונזער טיפן מיטלייד צו די זין פון פרוי נאראדיצקי, — בר כוכבא אין כרמל נאראד די בעלי בתים פונם נאראד פערלאג, צום זון זרובבל אין לאנדאן, די טעכטער אין ישראל און אין אמעריקע.




# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 10־12 (העפט 2־480) 31־סטער יאר אקט.־דעצעמ. 1970, לאנדאן


## כותל מערבי

שטייט א ייד פאר דער כותל מערבי,
שטייט ער געבוקט און טיף איינגעבויגן,
און די שטיינער ווערן אדורכגעווייקט
פון טרערן־געטריף פון זיינע אויגן.

ווי הייס די ירושלים־זון גליט,
די שטיינער זיינען קיינמאל נישט טרוקן;
צו די געוויינען זיי הארכן זיך צו,
און ווי מענטשלעכע הערצער זיי צוקן.

נאך האלבער נאכט, ווען ג־אט נידערט אראפ
איינגעהילט אין טלית און אין קיטל,
שטעקט צווישן שטיין און שטיין, אין מינדסטן שפאלט,
א טרערן־פארוישט, אויסגעווייקט קוויטל.

בלייבט כביכול דא וואו ווי אן אבל
זיצן א פארצערטער אויף דער כותל;
ער לייענט אדורך שורה נאך שורה,
נישט צו פארלירן א מינדעסט אותל.

„מי כעמך ישראל גוי אחד"!
איבער גאנצער וועלט געיאגט, געטריבן,
אין צו מיין צוגעזאגטן פיצל ערד
די ליבשאפט ווי פארווארצלט געבליבן.

לעצטער מייל־שטיין אויף גלות־וואנדער,
דעם וועג צוריק־אהיים צוגעפינען,
די כותל־מערבי געלאזן שטיין,
לויפער ציל דערלאפן און געווינען.

זיינען מענטשלעכע הערצער אזוי הארט,
מיינע קינדער עס נישט צו פארגינען,
דאס צוגעזאגטע, דאס שטיקעלע ערד — —
אין זיינע אייגן טרערן צערינען:

„אמת, ביים רעגנבויגן געשוואוירן
קיין מבול אויף מענטשן נישט צו ברענגען,
אבער אין מיינע טרערן, כ׳האב מורא,
אין מיין אויפרעגן זיי נאך אומברענגען.

„אז הארטער ווי שטיין מענטשלעך הארץ קאן זיין,
אזעלכע ברואים צו וואס נאך טויגן ?“
אין ביזגל זון־אויפגיי גאט בלייבט זיצן
מיט קאפ צו דער כותל טיף געבויגן.

## אויב נישט שלום ?...

איבערן גאנצן כדור הארץ,
טיף אין די שליאדן פון אייגן בלוט און טרערן,
מיט אוממענטשלעכע כוחות געטראטן,
ירושלים, צו דיר צוריקצוקערן.

ווי אין שווערן ציגל ליים, אין גליווער,
וואקלדיקע פארמאטערטע די פיס טרעטן — —
זע, א ירושלים של מעלה,
אויסגעבויט פון ביטערער נויט און געבעטן.

אצינד אז צום ציל דארט שוין אנגעקומען,
לעצט ביסל לעבן פאר דיר אוועקצוגעבן;
מען זאל זיי נאר אין מנוחה לאזן,
גרייט די ערגסטע שונאים אלצדינג צו פארגעבן.

איצט אז צו דיר דאך צוריקגעקומען,
וועלכע בייזע מאכט קאנען ווידער פארטרייבן ?
אויב נישט שלום, קען עפעס אנדערש־דען
איבערבלייבן, ווי צו קעמפן ווי די לייבן ?

ש.

## מישטיינסגעזאגט די גרויס צוויי

קאזאק־הניגזל ווי נעבעכדיק מוז ער זיין,
אז שעיר־לעזאזל אצינד נאך אלץ נייטיק;
און דער יענקי, ווי פארזינדיקט, ווי על חטאיק ?
ווען אויף דער צווייטער זייט איצט שוין אויפגעשטעלט שטיין,

גולמס אנגעגורט . . . געווער ביז איבער די ציין — —
ווי שמשון־הגבורהדיק גרויס אזא ווייטיק,
מיט אפענע אייגן צו זען אזוי דייטיק,
מישטיינסגעזאגט די גרויסע ווי פיטשעדיק קליין.

גאט, דיין געוואלדיקע אומענדלעכקייט צו זען,



פלאקערדיקער מדבר־סנה נישט גענוג געווען ?
די כוואליעדיק־וואלקנדיקע קוואלן מיט אייל,
מוזן זיי ערשט וויסט־פאקלדיק ווילד־אויפברענען,
אלע מענטשן־קינדער דיך זען און דערקענען :
„כי מעולם ועד העולם אתה קל“.

## לבנה איבערן סועץ־קאנאל

א וואנט פון שרויט, פון דינאמיט פון איין זייט,
פון דער צווייטער — וואנט פון שרויט און דינאמיט;
די שווימענדיקע לבנה דא צווישן
איף כוואליעס שטיל־שפיגלדיקע אין דער מיט.

די איינגעהאלטענע שטילקייט ווי זי שרעקט,
הינטער די פינסטערע ווענט דער טויט שטייט גרייט;
נישט די לבנה — אן אפגעהאקטער קאפ !
הער ווי דעם „על דאטיפת אטיפוך“ ער שרייט.

און פלוצלינג דאס ליכטיקע וואסער פארלעשט —
דער שפיגל מיט שווארצן טוך איז צוגעדעקט !
פאר גרויסער אימה נאך האלבער קריע־נאכט
אונטער א וואלקן לבנה זיך פארשטעקט.

און די כוואליעס ווי ווילד זיי צעוואיען זיך,
חמרים אויף חמרים אפגעהאקטע קעפ —
א פינסטער חושך איינגעהילטע חצות־נאכט,
גאנצער הימל פארצויגן מיט שווארצן קרעפ.

## צום אפמאך בראנדט - ציראנקיעוויטש

מיר האבן גאר גוט באצאלט פאר די טויזנט יאר,
איף דער פוילישער ערד געליטן און גענאסן;
איןביידע טייכן, די אדער און די בייס
נישט אזויפיל וואסער ווי יידיש בלוט געפלאסן.

זיינען זעקס מיליאן קדושים געווען בלויז,
„דויטשלאנד איבער אלעס“ אויף די קני איר זאלט קריגן ?
אזא רציחה־מארד אויף גאטס ערד נאך נישט געווען,
ס׳איז נישט קיין געטשקע אויף קני פאר איר צו ליגן —

וואסער גרויסער ליגן דער צלם געווארן,
אין זיין נאמען אונז צו קוילן, אויף קויל פארברענען ?
און שרייען זיי נישט שוין איצט : די ווארע נאצים,
די אמתע פאשיסטן די ישראלים גאר זענען ?

נישט נאר מיט די אפאסטלס — מיט די נביאים,
נאך לוטער אונז גערודפט, עד חרמה געטריבן,
און איצט אין נאמען פון מארקס, דער מענטש־דערלייזער,
ווער ווייסט וואס ווידער געווארן אונטערגעשריבן ?

מאלאטאוו־ריבענטראפ, בראנדט און ציראנקיעוויטש — —
אז וואס ווייסן מיר און וואס קאנען מיר דען וויסן ?
אז ס'קאן קרייץ און האקנקרייץ געבויגן ווערן
ערשט מענטשענער שטערן פון מענטשלעכן געוויסן.

## באגעגעניש ביי דער דעגאל - לוויה

אונזער פרעזידענט און דער „זקן" אונזערער,
זיי זאלן מיר ביידע הונדערט מאל מוחל זיין,
א יהודה המכבי און א שמעון
אזוי מה־יפיתדיק שיין, דאך נישט געקענט שטיין,
פאר א דייטשן קאנצלער, א דייטש א פרעזידענט.
כ'קוק, כ'גלייב מיינע אויגן נישט, ניין, כ'קען נישט פארשטיין;
צומאל דיאספארא־ייד פאר פריץ — בער געברומט !
זיין „מה־יפית טאנץ" — גלות־ריטם, טיף געוויין.

און משה ואהרן, ווען געשטאנען פאר פרעהן,
ווען זיי האבן אים די עשר־מכות געברענגט — —
אז ווי לאנג איז עס ערשט ווי די דייטשע נאציעס
לעבעדיק אונז באגראבן, געקוילעט, געהענגט ?
שוז'ס האנט משמעות אין זיידענער הענטשקע,—
דעם קלאפנדיק דופק א קאפ אויסגעלענקט !
זיין קרענקלעכן שמייכל נישט באהאלטן געקענט . . .
דאך אונזער זקנס קאפ, נעבעך פארשעמט געזענקט.

שרייבנדיק כ'שפיר האליק ווערן מיר מיינע ציין ! . .
אבער אז אזוי ווייט עס זאל קאנען דערגיין :
ישראל מנהיגים פארן דייטש אזוי צו שטיין,
ווי זיי גאר ביי אים זאלן בעטן אין פארציי'ן ?

## „ובזמן הזה . . ." (אזא שפיל לכבוד חנוכה האיאר)

נישט קיין שאך צומאל אפילו —
א קינדערשפיל פון „איקס מיקס דריקס";
ווי דורכזיכטיק פארשלייערט שוין
אלע כיטרע סטראגעישע טריקס.

משטיינסגעזאגט, ווי נעבעכדיק,



די אלע אהין און צוריקס—
אויף געקעסטלטן ברעטל כאטש,
ס'דאמקעלע אהער־אהין שיק'ס.

קיין שעפס און וואלף נישט אפילו —
מינדסט שעפעלע ארויף נאר רוק'ס,
אזא זאטער וואלף תיכף ס'ווערט —
וואס אין וועג נאר פרעס און פארצוק'ס.

א לאנד איינצונעמען אצינד
מען דארף שוין צומאל נישט קיין ביקס :
זיצט אויף בענקל אין קאבינעט,
דאס אטאם־קנעפעלע בלויז — דריק'ס !

## לכבוד חנוכה תשל"א

זיבן רערן מנורה געהאט,
ס'חנוכה־לעמפל — אכט קנייטלעך;
בלויז ווער אבער אפציילן קאן
די ברענענדיקע האלץ־שייטלעך ?

שייטערהויפן, קרעמאטאריעס ?
וואסער זכר פון אונז בלייבן,
אויב נישט ווי די לעצטע שפענער
מיר וועלן זיך צונויפקלייבן ?

דעם פייער־פלאקער אנציגדן
מיט הארץ־פונק אין אונז, מיט לעצטן,
די צונגען פלאמען־צוקנדיק
פונם רויך ארויסגעזעצטן :

„צוריקגעקערט, אנגעקומען
צום בארג צום הייליק־דערהויכטן !
פון אלע שטאק־פינסטערנישן
גאנצע וועלט שוין צו באלויכטן".

זיבן רערן מנורה געהאט,
ס'חנוכה־לעמפל — אכט קנייטלעך;
די זעקס קריג־טעג, דער זיג — אויך מיר
לעבן זאלן מענטשלעך, לייטלעך.

זיינען זיי דען נישט כנגד
אונזערע זעקס מיליאן קדושים ?
דער נס, דער גרויסער נצחון

א סימן בלייבן, א רושם!

דער שה פזורה ישראל,
א פלאץ אין דער זון געפינען — —
נאך הרוגים, צומאל העלדן?
מ׳קאן אראפ, חלילה, פון זינען!

אז וואס זיינען די „שש נרות״,
די זעקס ליכטלעך פארן עמוד?
די זעקס מיליאנען קדושים,
„שויתי לנגדי תמיד״.

ח. נ. בענקוויטש

## מיין טאטע יעקב יוסף בענקוויטש (שלוס)

שבת פרי פלעגן פון די ארומיקע דערפער קומען קריסטלעכע פרויען אראפנעמען די לייכטער פון טיש, מעלקן די בהמות; ווינטער איינהייצן די הרובעס. אין שול גייען אלע, מענער, פרויען, ייִנגלעך און קינדער. עס פלעגט זיך דוכטן, אז אלץ איז שבתדיק, די ביימער, דאס גראז, אפילו די בהמות האבן אויסגעזעען שבתדיק. מען עסט נישט־געאיילט, מען זינגט זמירות, עונג שבת. וואס טוען ייִנגלעך? טאטע־מאמע ווילן זיך אפרוען, ווילן זיין אליין, שיקט מען אוועק די קינדער פון הויז. וואס טוען די קינדער און די גרויסע ייִנגלעך? מען לאזט זיך אין וואלד אריין און אין די פעלדער און גערטנער. דארטן וואקסן יאגדעס פארשיידענע, אבער שבת טאר מען דאך נישט אפרייסן. גיט מען זיך אן עצה. מען לייגט זיך אנידער אויפן גראז און מען רייסט אפ די יאגדעס מיטן מויל פון די צווייגלעך, און מען קוקט זיך ארום אויב די חברים היטן דיך. און אזוי ביסלעכווייז רייסן שוין אלע אפ מיט די הענט אהיים צו נעמען. אין וואלד וואקסן אויך עפעלעך, זיי זיינען זער זויער, נאר אז מען האלט זיי אין היי ביז ווינטער ווערן זיי זיס. ווידער שבת, מ׳טאר נישט אפרייסן. איז דא ווידער אן עצה: מען טרייסלט דעם בוים, פאלן די עפעלעך אראפ. קלייבט מען זיי אין בוזעם אריין. אין די טאשן טאר מען דאך נישט טראגן, לויפט מען אהיים, מען קריכט ארויף אויפן בוידעם טאטע־מאמע זאלן נישט זען. מען באהאלט דאס אויפן ווינטער און מען לויפט אין שול אריין.

פון קיין לוקסוס האט מען ביי אונז נישט געוואוסט. עס האט אבער קיינעם נישט געפעלט דאס נויטיקע. יעדער איינער האט געהאט א צוויי־דריי בהמות און אויך עטלעכע ציגן. פוטער, קעז, קארטאפל און אלע מינים גרינצייג האט יעדערער געהאט. איניקע האבן אפילו געהאט פוטער מיט קעז צום פארקויפן. א שאד נאר וואס די יידן האבן אליין זיך נישט פארנומען מיט באארבעטן די ערד. מען פלעגט דינגען גוים דערצו אדער זי איבערגעבן די גוים פאר א חלק פון אלעם. איינער א לייבע דבורהס האט געלעבט



בעסער פון אלעמען, ווייל ער האט אליין באארבעט זיין חלק ערד. האט אויסגעהאלטן זיין מאמען, אן אלמנה מיט פינף יתומים, וועלכע האבן צוגעהאלפן אין דערווירטשאפט. די איבריקע תושבים האבן געלעבט פון האנדל מיט די ארומיקע דערפער. עס איז אפילו געווען איינער, וואס האט געמאכט וויין, וועלכן ער האט פארקויפט אין די ארומיקע שטעט.

עס האבן זיך ביי אונז געפונען תושבים, וואס האבן נישט געהאט קיין חשק ערגעץ־וואו ארויסצופארן, אפילו אויף איין טאג כאטש־אזא איינער איז געווען יוסף דער מלמד. ווען מיין טאטע פלעגט אוועקפארן ערגעץ קנעלן, האב איך געלערנט ביי דעם מלמד און איך האב גאט געבעטן מיין טאטע זאל אוועקפארן, כדי איך זאל לערנען ביי דעם מלמד. די סבה איז מיין טאטע איז געווען שטרענג און האט נישט געקארגט קיין קלעפ. דער נתן יוסף איז געווען זער פרום און האט מיך געהאלטן פאר א גוטן תלמיד. דער טאטע האט ליב געהאט דאס „שטעטל״ אבער אומשטענדן האבן דערפירט דערצו, אז ער זאל זיך באקענען מיטן לעבן אין גרויסע שטעט. האט זיך אים געוואלט זיין אין „שטעטל״ און אויך אין גרויסע שטעט, וואו עס האט אים געצויגן.

היות ווען ער איז געווען א געראטן ייִנגל, האט אים זיין טאטע נאך אוועקגעשיקט אין א ישיבה אריין קיין כאסלאוויץ און שפעטער קיין מאהלין. פון דארטן טאקע האט ער חתונה געהאט מיט א טאכטער פון ר׳ הירש שולמאן פון מאקאראוויץ כוטאר, איין אימיעניע, וואס ער האט געהאלטן פון פריץ מאקאראוויץ, מיט פעלדער און גערטנער. אויך אן אכסניא האט זיך דארט געפונען. אורחים פלעגן קומען. יידן האבן נישט געצאלט פארן עסן אדער טרינקען. קריסטן פלעגן צאלן פארן עסן און טרינקען, אבער נישט פאר נאכטלעגער. ביז מיין טאטע האט געדארפט גיין דינען אין מיליטער האט ער זיך אויפגעהאלטן אין אט דעם כוטאר און האט געקנעלט אין קלינצי. אין אט דעם כוטאר איז תמיד געווען לעבעדיק און פריילעך. חוץ מיין מאמע זיינען דארט געווען נאך אן איידעם, נאך דריי טעכטער און צוויי זין אומפארהייראט. מיין זיידע איז געווען א זער א ליבער, פריינטלעכער מענטש; באליבט ביי יידן און קריסטן. ער האט געהאט פיל ספרים. נישט געווען קיין תלמיד־חכם, אבער האט געלערנט און תמיד צוגעקויפט ספרים. ווען מען האט מיין טאטן גענומען צום מיליטער האט ער שוין געהאט צוויי קינדער. קומענדיק אמאל אהיים אויף אורלויב, זאגט מען צו מיר, „חיימקע, דאס איז דיין טאטע״ און איך זאג, „ איך האב געמיינט דאס איז א גוי!״ עס איז גאר מיין טאטע. איך בין דעמאלט דריי מיט א האלב יאר אלט געווען. מיין טאטע איז אוועק צוריק צום מיליטער. ניין חדשים שפעטער איז אים געבוירן געווארן א טאכטער, אזוי, אז ווען ער האט אפגעדינט און געקומען אהיים האט ער שוין געהאט דריי קינדער. לכתחילה האט ער פרובירט זיך באזעצן אין א שכנותדיק דארף נישט ווייט פון כוטאר דערנאך האבן מיר זיך אריבערגעצויגן אין זיין געבורט שטעטל אריין, געדונגען א דירה און גע־

עפנט א חדר. מיר האבן איבערגעלעבט א ווינטער ארים ביטער. צום זומער פארט מיין טאטע קיין קלינצי און האט זיך געשאפן א קנעלונג. אפגעוועזן עטלעכע זמנים. עס האט זיך שוין געלעבט גאנץ גוט, ער האט שוין געקויפט א הויז. אונזער זער גרויסן הויף אפגעצוימט, מער ווי האלב געמאכט א גארטן, פארזייט פארשיידענע גרינסן. מיין מאמע האט פיל געהאלפן צו דעם. ער האט אויך געפלאנצט ביימער ארום די פענסטער פון הויז. צו יענער צייט האט ער זיך גענומען לערנען דקדוק און אין אלגעמיין האבן מיר געלעבט זער גוט. עס פלעגן טרעפן, אז אין שול פלעגט מען זיך צעווערטלען אזוי זיך, נישט געפערלעך. פלעגט מען מיין טאטן פארווארפן — „סאלדאט, בעל־דקדוק, אריסטאקראט!"

מיין טאטע פלעגט שבת אנטון א געפרעסט העמד און אויך שטיוול מיט קאלאשן. האט מען אים דערפאר גערופן „אריסטאקראט". סוף הזמן האט ער געקויפט א פערד און וואגן און מיר פלעגן פארן צוגאסט צו מיין זיידן, דער מאמעס טאטע אין כוטאר. מיין מאמע איז געווען די עלטסטע טאכטער. מיין טאטע — דער עלטסטער איידעם, איך דאס עלטסטע אייניקל. פלעגט מען אונז אויפנעמען זער גוט. מען פלעגט אונז אנפאקן פון אלעם גוטס און מיר פלעגן באזוכן נאך אייניקע משפחה ארום שטעטל. בעפאר דער זמן הויבט זיך אן האט ער פארקויפט דאס פערד און זיך גענומען ווידער צום לערנען מיט קינדער, אזוי אפגעוועזן אייניקע זמנים. מיין טאטע קען נישט איינזיצן אין שטעטל. איז ער זיך מישב און פארט אין א ווייטערער שטאט — נאוואזיבקאוו, וואו מען קען אים נישט און דארט וועט ער אננעמען אפילו אלף־בית־ייִנגלעך. אבער דא האט אים דווקא א גליק געטראפן. א ייד פון א דארף האט פונקט געקומען זוכן א מלמד און געפונען מיין טאטן. אין דארף האבן זיי קיינמאל פריער נישט געהאט אזא מלמד מיט אזא שיין באנעמען זיך. האט מען אים זער גוט באהאנדלט, גוט געצאלט, א גוטע וואוינונג, גוט עסן. ווען ער פלעגט פארן אהיים צוגאסט פלעגן זיי באצאלן פאר דער פור און אים אויך געבן מתנות. אבער אלץ ביז א צייט. די ייִנגלעך זיינען אונטערגעוואקסן, האט מען שוין קיין מלמד נישט געברויכט. מיין פאטער איז אוועק קיין נאוואזיבקאוו און האט געמאכט א קנעלונג און פיל בעסער ווי אין דארף, און עס מאכט זיך נאך בעסער. איינער א רייכער ייד, ראהינשקין האט ער געהייסן, באקענט זיך מיט מיין טאטן. מיין טאטע געפעלט אים. דער ייד האט געהאט אן אייגענע שול און דריי ייִנגלעך. וויל ער מיין טאטע זאל לערנען מיט זיינע דריי ייִנגלעך און אנפירן מיט דער שול און צונעמען נאך פיר ייִנגלעך. און ער האט אים פארזארגט מיט א וואוינונג, עסן און גוטע שכירות. דוכט זיך וואס קען זיין בעסער? אבער ער האט נישט געקענט קומען אהיים אויף ימים־נוראים, נאר אויף סוכות. מיר האבן נישט געקענט פארן צוגאסט צום זיידן און נאך צו אנדערע משפחה, וואס דאס איז געווען א טייל פון אונזער לעבן. אזוי פון די אלע גליקן ווערט נמאס אזא לעבן. ווייט פון דער היים, פון ווייב און קינדער. די מאמע מער פון אלע איז אומ־



צופרידן. דער טאטע קען זיך קיין עצה געבן. אריבערקלייבן זיך פון שטעטל אין דער גרויסער שטאט אריין? איז ווי קען מען פארלאזן אזא ליב שטעטעלע, אזא ארץ־ישראל? מיר האבן געהאט א גרויס הויז, א שטאל, א גרויסן הויף, א געבויטע סוכה, פעלדער, גערטנער, אייגענע מילכיקס, גרינס, פרייליפטיק. מען פארגעסט אפט דאס גלות. און קומען אין א גרויסער שטאט אריין, אין א קליינער דירה און קויפן אט די אלע זאכן? עס איז שווער זיך אן עצה צו געבן.

מיין טאטע איז דעמאלט אלט געווען אן ערך פיר און דרייסיק יאר, איך ארום פערצן יאר אלט. מיין טאטע רעדט צו מיר ווי צו א דערוואקסענעם דאס ערשטע מאל אין מיין לעבן „מיין זון, זאגט ער צו מיר, אונזער לעבן איז אן א תכלית. מיר זיינען צעשפרייט. איך אין נאוואזיבקאוו, די מאמע מיט די קינדער אין שטעטל. דו וועסט אויך באלד מוזן פארלאזן דאס שטעטל, ווייל עס איז נישטא פאר דיר וואס צו טון. און איידער מען קוקט זיך ארום וועסטו דארפן גיין דינען דעם צאר אין מיליטער. איך טראכט וועגן פטור ווערן אינגאנצן פון רוסלאנד און פארן קיין לאנדאן". . . איך האב נישט געפונען קיין ווערטער צו ענטפערן. ווי קען מען אבער איבערלאזן באבע־זיידע, מימעס, פעטערס און די גאנצע משפחה, וואס מיר האבן אזוי ליב און זיי ליבן אונז? האב איך מיך סוף־כל־סוף אפגערופן, „און דאס שטעטעלע, ווי איז דאס גאר מעגלעך מיר זאלן זיך שיידן אויף אייביק? און די מאמע וועט נישט איבערטראגן איבערצולאזן אזעלכע געטרייע עלטערן?"

זיין ענטפער איז געווען, „אבער אין לאנדאן וועלן מיר קענען זיין צוזאמען" דער טאטע איז צוריקגעפארן קיין נאוואזיבקאוו, איך בין פארבליבן אין קלינצי. די מאמע און די קליינע קינדער אין שטעטל, און מיר אלע האבן אויסגעקוקט אויף סוכות, אז מיר זאלן זיך צוזאמענקומען און זיין צוזאמען ביז נאך סוכות און דערנאך, ווי אלע יאר, פארן צוגאסט צו באבע זיידע. פאר ראש־השנה באקום איך א בריוו פון טאטן. ער מוז פארבלייבן ימים־נוראים אין דער פרעמד, און ער שרייבט עס איז נישט גוט אזא לעבן. און ווייטער צוויי יידן זיינען געקומען פון לאנדאן נאך זייערע פאמיליעס. רעדן אים שטארק צו ער זאל פארן מיט זיי און עס וועט זיין א גרויס גליק פאר אים און פאר אונזער גאנצער פאמיליע. בכלל גענומען פעלן דארט אויס גוטע מלמדים. פאר סוכות איך קום אהיים, דער טאטע איז נאך נישטא. מיר זיינען אלע איפגערעגט און מער פון אלע די מאמע. אלע ווילע לויפט מען ארויס זען צי ער קומט שוין; עס ווערט שפעטלעך, דער עולם גייט שוין אין שול אריין און דעם טאטן זעט מען נאך אלץ נישט. קומען שוין מחשבות אויפן געדאנק. ער האט געמוזט קומען מיט דער באן ביז א געוויס ארט. פון דארט האט ער געמוזט דינגען א פיר צו קומען אין שטעטל אריין און האט געמוזט דורכפארן א גרויסן וואלד. קען מען דאך איבערטראכטן וואס אפילו א שונא נישט געוואונטשן היות עס איז שוין שפעט, מוז איך גיין אין שול אריין. און אזוי ווי איך אליין בין אויך א גאסט, גיבן מיר אלע אפ שלום. דער עיקר אבער

וויל מען וויסן הלמאי מיין טאטע איז נאך נישטא. איך בין אומגעדולדיק. עס קלייבן זיך רעדלעך ארום מיר. איך בין גערן געווען ענדיקן דאס דאווענען און לויפן אהיים. עס איז שלעכט. מיין מאמעס וויינען און קלאגן איז אומדערטרעגלעך. פארשטייט זיך וועגן עסן און טרינקען איז שוין קיין רייד נישט געווען. די מאמע און איך האבן אפילו קיין אויג נישט געקענט צומאכן די גאנצע נאכט, נאר געהאפט אפשר וועט ער נאך קומען. מארגן פרי איך קום אין שול אריין, דער עולם שטייט אין רעדלעך. מען רעדט נאר וועגן יעקב יוסף און וואס האט מיט אים געקענט פאסירן.

נאך יום־טוב פאר איך קיין נאוואזיבקאוו און געפין אויס וואס עס האט פאסירט. פארענדיקנדיק דעם זמן, האט ער שוין באשלאסן צו פארן קיין לאנדאן, טאקע מיט יענע צוויי לאנדאנער יידן, וואס זיינען געקומען נאך זייערע פאמיליעס. ער האט געוואוסט, אז אויב ער וועט קומען אהיים אין שטעטל, וועט די מאמע נישט לאזן אים פארן קיין לאנדאן. היינט דאס געזעגענען זיך, דער טומל אין שטעטל. איז גלייכער גלייך צו פארן פון נאוואזיבקאוו. ער האט איינגעמאנט דאס געלט פאר שכר־לימוד און דאס אוועקגעשיקט צו דער מאמען. און איידער דער בריוו מיטן געלט איז אנגעקומען איז ער שוין געווען אין לאנדאן די פאסט פארן שטעטל פלעגט אנקומען קיין אוניטשע, א סטאציע אן ערך צען וויארסט פון שטעטל ר׳ הירש קיידאנאוו האט דארט געהאט א גרויס געשעפט און ער פלעגט קומען צו זיך אהיים אויף שבת. פלעגט ער ברענגען די פאסט. פלעגט טאקע טיילמאל טרעפן, אז עס האט גענומען אזש צוויי וואכן איידער א בריוו איז צו איינעם אנגעקומען.

עלא זילבערג

## און אז איך וועל אייך דערציילן...

און אז איך וועל אייך דערציילן,
צו ווערט איר דען מיר העלפן קענען,
צו ווערט איר אויסלעשן די פלאמען,
וועלכע טוען מיך פארברענען!
צו ווערט איר לינדערן מיין בייגקשאפט,
און דערפילן די באגערן,
צו ווערט איר טרוקענען די טייכן,
פון די אויסגעוויינטע טרערן.

צו ווערט צוריקברייגגען די טויטע,
פון די גאז פארסמ׳טע ברידער,
צו ווערט איר אויפלעבן די קינדער,
איך זאל זיי קענען האלטן ווידער,
צו ווערט איר צוריקגעבן מיין גלויבן,
אין די שענסטע אידעאלן,



די וועלט באפרייען פון דעם יאוש,
אין וועלכן מיר זיינען פערפאלן.

און אז איך וועל אייך דערציילן,
איר ווערט אפילו מיר ניט גלייבן,
ווייל ס׳איז לייכטער ניט צו וויסן,
כדי די פריידן ניט צו רויבן.

## גרא ווי דער הערבסט

די פרייד איז שוין לאנג
אין מיין הארצן געשטארבן,
דאס לאכן פארשטומט.
אין מיין איינזאמער היים,
טרויעריג און שטיל,
די וואכן פארשווינדן,
ווי הערבסטיגע וואלקענס,
אויף וועגן געהיים.

די בלומען פארוויאנעט,
אוןליידיג דער גארטן,
נאקעט די ביימער
די בלעטער פארווייט,
די פייגל פארפלויגן.
פארשטומט די געזאנגען,
דער ווינט ווי אן אכזר.
צו שטורמען באריייט.

טראכט איך צוריק,
פון די קינדישע יארן,
שטראלט אויף דער הימל
מיט ליכטיגן שיין,
עפענען זיך שפראצן
צובליען זיך בלומען
פארהיילן זיך וואונדן,
ווערט לייכטער דאס זיין.

יעקב ריכטיגער

## דער ערשטער קולטור קאמף

אין דער פריערדיקער עסיי, „די יידישע צייט רעכענונג״, איז געווארן פעסטגעשטעלט, אז די איצטיקע אינדוסטריעלע קולטור עפאכע האט זיך אנגעהויבן צווישן זעקס און זיבן טויזנט יאר צוריק. נאכדעם ווי דער ערשטער

טעכנאקראטישער מענטש האט אויסגעפינען די מעכאניק און אגריקולטור, האבן א טייל יעגער־פאסטוכער אויפגעגעבן די ריזיקאלישע באשעפטיקונג פון פאנגען, טעמען און האדעווען בהמות, מיט די שטענדיקע וואנדערונגען צו געפינען ווילד וואקסנדיקע שפייז און זיך גענומען צו קולטיווירן די ערד, כדי צו העלפן מיט אייגענע הענט פראדוצירן זייער טעגלעך ברויט.

ווען די מלאכה פון לאנדארבעט האט זיך פארשפרייט און די פויערים האבן זיך צוגעאייגנט גרעסערע שטחים פרוכטיקן באדן זענען זיי אפט געקומען אין קאנפליקט מיט די איבערגעבליבענע פאסטוך משפחות וואס האבן געטריבן זייערע סטאדעס איבער די מיט שווייס קולטיווירטע פעלדער, ווייל טראדיציאנעל זענען די פרוכטן פון דער ערד געווען פריי פאר יעדן הונגעריקן, ווי וואסער פאר יעדן דארשטיקן, האבן זיי געהאלטן אז זיי זענען בארעכטיקט צו עסן און פאשן זייערע בהמות אומעטום פון די וואקסנדיקע שפייזן. אבער מערקווערדיק איז, וואס ניט דער עקאנאמישער דיפערענץ פון די צוויי קולטורן זאל האבן געפירט צום ערשטן בלוטיקן צוזאמענשטויס פון מענטשנקינדער, נאר די פארשידנקייט פון ריטואלע מנהגים איז געווען די סיבה דערפון.

ווי עס איז פארצייכנט אין תורת משה, האט דער ערד ארבעטער קין דערהרגעט דעם שאף פאסטוך הבל, ווייל הבל'ס קרבן פון פעטע שאף איז געווארן פארצערט און זיין קרבן פון ערד פרוכטן איז ניט געווארן פארצערט. אין פלוג זעט אויס די סיבה פון קינ'ס שנאה צו הבל אומפארשטענדלעך; הבל האט דאך גאר ניט געטוען אז דער קרבן פון קין זאל זיין אומוויליק?

די תלמודישע מפרשים טראכטן דערפאר בייצוגעבן פראגמאטישע מאטיוון פאר דעם מארד, זיי באהויפטן אז קין און הבל האבן זיך געקריגט וועגן אייגנטום פון א פעלד אדער וועגן א פרוי. דער אמת אבער זעט אויס צו זיין, אז תורת משה האט מיט דער מעשה פון קין און הבל געוואלט אנווייזן אויף פסיכאפאטישע אדער אומציוויליזירטע מערדערייען. זיי זענען דער ארויסקום פון אומזאנסטער אדער מאטיוולאזער שנאה, וואס ברית זיך אויס אין מוח פון א פאנאטישן פאטאליסט, ווייל ער איז ניט בכח צו אונטערשיידן צווישן פאנטאזיע און ווירקלעכקייט.

סכדי דעם ענין צו פארשטיין איז נויטיק אויפצוהייבן דעם שלייער וואס באדעקט די געשיכטע פון אורמענטש. מען דארף וויסן, אז די פארצייטישע פאסטוך משפחות, די פארגייער פון אגריקולטור מענטש, האבן ניט געהאט לענדער, שטעדט אדער דערפער צו וווינען, נאר יעדער איינער, פון זיי, האט זיין גאנצן לעבן געוואנדערט מיט זיין סטאדע אין די צעוואקסענע דזשונגעלס אויף דער ערד, זוכנדיק גראזיקע פעלדער פאר פאשע און פרוכטיקע ביימער פאר שפייז. זיין גרעסטע געפאר און זארג איז געווען די ווילדע חיות, וואס האבן געלויערט אויף אים און זיין סטאדע. אין משך פון צייט האט ער זיך אויסגעלערנט צו צעשן פון פלינט אדער פייערשטיינער דאס מעסער און די האק, וואס מען געפינט נאך ביז היינטיקן טאג אויף זיין וואנדערוועג. אבער



ניט שטענדיק איז אים געלונגען פארטרייבן אדער דערהרגענען די נאכקריכנדיקע הונגעריקע חיות. בפרט, ווען זיי זענען אנגעפאלן בעת ער איז א מידער איינגעדרעמלט.

עס איז דעריבער א סברא אנצונעמען, אז די פאסטוך משפחות האבן שוין אין די גראע קדמון צייטן געהאט איינגעפירט אנידער צו לייגן אויף א היכן ארט, נאענט צו זייערע הויער פלעצער, געבינדענע קעלבלעך, שעפעלעך אדער ציקעלעך אז די הונגעריקע חיות זאלן זיך אנפרעסן און אויפהערן פארפאלגן די סטאדעס. אז דערפון האט זיך שפעטער אנטוויקעלט דער קרבנות קולט און דאס מקריב זיין אויף במות: אויף הויכע ערטער אין די פעלדער ווערט בפירוש באשטעטיקט אין דער ווייטערדיקער ציטירונג פון תורת משה — „למען אשר יביאו בני ישראל את זבחיהם אשר הם זובחים על פני השדה . . . ולא יזבחו עוד את זבחיהם לשעירים אשר הם זונים אחריהם" — מען האט באפוילן די בני ישראל צו ברענגען זייערע קרבנות אין בית המקדש, כדי זיי זאלן ניט מער שאכטן זייערע שאכטונגען אויפן פעלד צו די ווילדע חיות, וואס לויפן זיי נאך אדער וואס זיי פארגעטערן . . . (ויקרא י"ז)

די ערדארבעטער, ווי מען זעט פון תורת משה, האבן איבערגענומען דעם פארצייטישן מנהג פון מקריב זיין קרבנות אין די פעלדער, כדי די ווילדע חיות זאלן ניט פארצוקן זייערע בהמות, אבער זיי האבן מקריב געווען פאטראוועס פון פרוכטן און גרינצייג, ווייל זיי האבן ניט געהאט קיין סטאדעס שאף און רינדער, ווי די פאסטוכער, נאר בלויז עטלעכע אקסן צו העלפן אקערן און דרעשן אדער עטלעכע קיען פאר מילך און פוטער. און אזוי ווי די ווילדע חיות האבן ניט געוואלט עסן די פאטראוועס פון ערד פראדוקטן זענען די ערדארבעטער ארומגעגאנגען נערוועז און באזארגט אז די הונגעריקע ווילדע חיות וועלן זיך אריינגנבענען אין זייערע דערפער צו פארצוקן.

אין ליכט פון דער פארצייטישער עטאלאגיע — די וויסנשאפט וועגן דער אנטוויקלונג פון מנהגים — וועט זיין קלארער אנצווייזן, פון דער קורצער פארצייכענונג אין תורת משה, די סיבה וואס האט געפירט דערצו, אז דער קולטור קאמף זאל ווערן א בלוטיקער, אנשטאט די אלטע פאסטוך קולטור און די נייע אגריקולטור זאלן פרידלעך קאנקורירן צו פארבעסערן דעם עקאנאמישן און סאציאלן צושטאנד פון די מענטשנקינדער. דאס זעט אויס צו האבן געווען די אידעי פון תורת משה, אין איינשטימיקייט מיט איר אידעאלאגיע צו באלייכטן דעם וועג פון ציוויליזאציע, האט זי געטראכט צו בארויקן דעם ערדארבעטער קין, וואס איז ארומגעגאנגען אן אויפגערעגטער און פארצווייפלטער, אז מחמת דעם, וואס די ווילדע חיות ווילן ניט עסן די פאטראוועס פון ערד פראדוקטן, וועלן זיי פארצוקן זיינע העלפער, די בהמות.

געזאגט האט תורת משה צו אים — „הלוא אם תטיב שאת": אין אמתן האסטו א בחירה, די פרייהייט צו ווילן, אויב דו וועסט גוטס טוען — דו

וועסט ניט פארכאפן דעם גאנצן פרוכטיק באדן, נאר איבערלאזן א טייל פאר דיין ברודער הבל צו פאשן זיינע שאף, וועט ער צוזאמען מיט דיר טראגן דעם עול פון זיכערקייט קעגן די ווילדע חיות. „ואם לא תטיב": אויב דו וועסט ניט גוטס טוען — אז דו וועסט גאר ניט איבערלאזן פאר דיין ברודער, „לפתח חטאת רבץ ואליך תשוקתו": וועלן די ווילדע חיות הויערן פאר דיין טיר — לויערן אויף דיר, „ואתה תמשל בו": און דו אליין וועסט דארפן באהערשן זיי.

אבער די דערוועקונג פון מענטש כח הדמיון אדער אימאגינאציע, וואס האט אים פארוואנדעלט אין א טעכנאקראט, איז גלייכצייטיק אויך די סיבה פון זיין אבערגלויבן; זיין פאנטאזיע האט די אייגנשאפט פארצושטעלן אומרעאליסטישע זאכן אזוי ווי רעאליסטישע. דעריבער, ניט קאנענדיק געפינען קיין לאגישן תירוץ פאר גוטע סעזאנען און שלעכטע, פאר געזונטהייט און קראנקהייט אדער לעבן און טויט, האט זיין כח הדמיון אויסגעוועבט בילדער פון גוטע גייסטער אדער געטער, ווי זיינע בהמות וואס העלפן פראדוצירן זיין שפייז, און פון שלעכטע גייסטער אדער געטער, ווי די ווילדע חיות וואס ניט אליין לויפן זיי ארום פוסט און פאס, נאר זיי פארשלינגען זיינע העלפער, די בהמות . . .

אז די בני ישראל האבן, לויט תורת משה, פארגעטערט די ווילדע חיות איז שוין פריער באוויזן געווארן, און אז אין אגריקולטור לאנד מצרים האט מען פארגעטערט בהמות געפינט זיך אויך פארצייכענט אין תורת משה. ווען פרעה האט נאך דער מכה פון ערוב געזאגט צו משה — „לכו זבחו לאלקיכם בארץ": גייט ברענגט קרבנות צו אייער אלמעכטיקייט דא אין לאנד, האט משה אים געענטפערט — „הן נזבח את תועבת מצרים לעיניהם ולא יסקלנו?": אז מיר וועלן שאכטן די געטער פון מצרים פאר זייערע אויגן, צי וועלן זיי אונז ניט פארשטיינען?. (שמות ח') וואס ווייזט ארויס פון די אלטע מצרישע טעמפל־בילדער, ווו אלע, מיט בערשט און טשיזעל, אימיטירטע קרבנות זענען פראדוקטן; פרוכטן, גרינצייט און בלומען. (אקנאטאן ז. 125)

מען איז דעריבער בארעכטיקט אויסצוטייטשן די פראזע אין תורת משה — „ויאמר קין אל הבל אחיו": אז קין האט געזאגט צו זיין ברודער הבל, ער זאל אויפהערן קעכלען די געטלעכע חיות מיט קרבנית פון פעטע שעפעלעך, ווייל צוליב דעם ווילן זיי ניט פארצערן זיינע קרבנות פון ערד פראדוקטן און אויסגעהונגערטע פארצוקן זיי זיינע געטלעכע בהמות. הבל האט זיך ניט צוגעהערט צו קין'ס ווארענונג און אים גאר ניט געענטפערט. דערציילט תורת משה, אז איינמאל ווען הבל האט מקריב געווען זיינע קרבנות אין פעלד, איז קין דארט געווען, אפשר גראד נאכדעם ווי די ווילדע חיות האבן געהאט פארצוקט עטלעכע אקסן אדער קוען פון קין, האט זיך די קנאות פון קין אזוי צעפלאקערט, אז ער איז אויפגעשטאנען און האט דערהרגעט זיין ברודער הבל. (בראשית ד')

אז דער געצנדינסט קולט האט זיך ערשט אנטוויקעלט נאכדעם ווי די



מענטשנקינדער זענען געווארן ערדארבעטער און זיך באזעצט אין דערפער זעט מען דערפון, וואס אומעטום ווו ארכעאלאגן אנטדעקן אלטע ישובים געפינען זיי אויך בילדלעך פון געטער, אבער צווישן די אויסגעטשעשעטע מעסער און העק פון פלינט אדער פייער שטיינער, וואס זיי אנטדעקן אין די ערטער ווו די פארצייטישע פאסטוך משפחות האבן אויפן וואנדערונג גערוט, געפינען זיי ניט קיין געטער בילדלעך. דער ערשטער מערדער וועגן ריטואלן פאנאטיזם האט דעריבער נאר געקענט זיין דער ערדארבעטער, און ווי מען וועט ווייטער זען האט זיין ריטואל מאסיווירטע שנאה צום שאף פאסטוך פארגיפטעט די מוחות פון א סך דורות נאך אים.

ווען יוסף האט איינגעלאדן זיינע ברידער, וואס זענען געקומען קויפן תבואה אין מצרים, אויף א מאלצייט, ווערט איבערגעגעבן אין תורת משה, אז די דינער פון יוסף האבן סערווירט באזונדערע טישן פאר אים, פאר זיינע ברידער און פאר די מצריים, ווייל די מצריים איז ניט דערלויבט געווען צו עסן צוזאמען מיט די עברים. (בראשית מ"ג) און ווען יוסף איז געגאנגען פארשטעלן זיינע ברידער צו פרעה, האט ער געזאגט צו זיי, אז פרעה וועט אייך פרעגן וואס אייער באשעפטיקונג איז, זאלט איר אים ענטפערן, איר זייט הענדלער פון בהמות, ווייל שאף פאסטוכער ווערן באטראכט אומווירדיק אין מצרים. (בראשית מוו)

א. ני שטענצל

## אויפן לאפציקער יאריד

4

נאך האלבער נאכט, אין יידישן שפיטאל אין לייפציק. כ'ווייס נישט פון וויפל אזעלכע שטובן דאס „בית־החולים" איז באשטאנען, נאר דאס חדר, אין וועלכן איך בין געלעגן, איז געווען אזא מין פארצייטיק הקדש — פון אלטן לאפציק. די טראדיציע נאך פון ר' לייב שרה'ס צייטן, וואס פלעגט זיך דא נישט איינמאל באווייזן ווי א שטורמווינט און פארשווינדן ווי א בליץ.

די ריחות דא זענען געווען נישט נאר די געוויינטלעכע שפיטאל־גערוכן, נאר די ווענט זענען געווען אנגעזאפט מיט אזעלכע אלטע באקאנטע טוכלע ריחות מדור דורות.

אין די בעטן זענען געלעגן צוקער־קראנקע חולאים מיט אויפגעשוואלענע בייכער און די בייכיקע פלאשן אונטער די בעטן, נאך גרעסער, נאך אויפגעשוואלענער, פולע מיט אורין.

דער השתנה־גערוך איז ממש אויפגעגאנגען ווי א דיקער וואלקן ביז אונטערן באלטן. און אויבן, פונקט אינמיטן, האט געברענט א קליין לעמפעלע, א רויטס, וואס איז אלץ קלענער און קלענער געווארן, פיטשעדיק, שפיציק — א רויט, קראנק, ביז אויג, וואס שטעכט טיף אדורך ביז צו דער לעבער, ביז צו דער גאל און נעמט איינעם אדורך.

דער חלומות־קאשמאר, דאס קראנקע געקרעכץ פון די שווייס־דאמפיקע בעטן; דער ריטמישער כאר פון די שווער־אטעמענדיקע פאלט אלע ווײלע אריין מיט א גרויסן באס — מ׳זעט ממש ווי דאס רויטע לעמפל אין דער נעפל־כוואליענדיקן קאשמאר גיט א ציטער ווי א קראנק אויג, אן אויפגעריסנס אינמיטן א בייזן חלום.

באמת, פון דעם ריטם אליין און פון דעם שווערן ריח, וואס לייגט זיך ווי א משא אויפן מוח, אויפן הארץ, וואלט מען בטבע געמוזט פארדושעט ווערן און איינשלעפן. אבער מיין קרענקלעך־קלארער בליק, וואס ציט זיך פון מיינע געל־פארנעפלטע, גרויס־אויפגעריסענע אפלען צו דעם שפיציק־רויטן ליכט אויפן סופיט, ווערט אלץ שארפער און קלארער:

די פינף־זעקס חדשים מנוחה אין לייפציק נאך די פינף־זעקס יאר דערשפירן אויפן אייגענעם לייב דעם „קוץ ודרדר" אויף גאטס ערד, אויף די פעלדער אין האלאנד און אין דייטשלאנד זענען אבסאלוט נייטיק געווען

אויסגעשפאנט פונם אקראאייזן, ליגנדיק אין די נעכט אין שטאל מיט זיינע אפענע, גרויס־גלאציקע אויגן, פארדייעט דאך ערשט דער אקס דעמאל וואס ער האט געמעלה־גירהט גאנצע טעג.

. . . און אפשר זענען עס ערשט די צוויי וואכן דא אין שפיטאל — ס׳ערשטע מאל ווי איך ליג אין א שפיטאל — און דער עיקר די נעכט, וואס איך האב זיי פאר מיר אליין — אן די אריבעררופן פון די קראנקע פון די בעטן און אן די פיל באזוכער — אבער גענוג, איצט איז אלץ מיר קלאר!

לאזט מען נאר צו, שטייט ער תמיד אין וועג, דער קראנקער זוי דער געזונטער גוף — יא, צומאל נאך מער דער געזונטער: מען מוז נאר האבן דאס ביסעלע כוח אים גובר צו זיין.

און איך האב באשלאסן: אין דער פרי, ווען דער דאקטאר וועט קומען, זאל איך מיך לאזן אויסשרייבן פונם שפיטאל און באלד אין זעלבן טאג אפפארן קיין בערלין.

ווארום עס נאר אפלייגן אויף איין טאג, וועלן מיינע באזוכער עס זיך דערוויסן און זוכן כל הפעולות צו פארמיידן.

די סענטימענטאלקייט ארום מיר וועט מיך צעפרעסן: דאס צימער האב איך אויפגעגעבן, אפגעזאגט, און גיין וואוינען ביי איר?. . .

ביים בעט אקייגנאיבער מיר הער איך ווי א ייד קרעכצט און גראבלט ביי דער בייכיקער פלאש אונטער זיין בעט. איך פארבייס די ליפן און דאס רויטע לעמפל אויפן סופיט קוקט אויף מיר רויט, שפיציק ווי א בייז אויג פון דעם גרוי־געלן נעפל ארויס —

שטייט נישט שוין אין דר גמרא, אז ניין און ניינציק פראצענט פון די מענטשן שטארבן פון ——

וואס גייען מיך די מענטשן אן, און ווי האלט עס מיר מיר?

איך האב עס: מיט תאווה באפרייט מען זיך פון צייטן; מיט ליבשאפט



באהעפט מען זיך איינער מיטן אנדערן — והיו לבשר אחד! דאס איז מסתם דער צוועק, די גרויסע חכמה פון דער בריאה, דאס געראנגל פון מענטש צו גאט. „און דו ביזט גאט", ווערסט א טייל פון אים — א ניצוץ!

. . . און צי איז דאס נישט דער גרויסער סוד און ציל פון דער געט־לעכקייט אין דער נאטור? די ליבשאפט איז גובר די ליידנשאפט און איז באהאפטן און איינס מיט איר. אזוי־ארום דערפילטע מענטש דעם מענטש!

אזוי איז דער גאנג פון געשלעכט, פון געשלעכט צו געשלעכט. אויב נישט, גייט עס אויס שלעכט; איז געשעכט פון מענטש מיט מענטש — ווערט אפגעמעקט דער צלם־אלקים . . . הערט אויף די אחדות . . .

כ׳הער ווי דער ייד קרעכצט נאך שטארקער. כ׳הער דאס פאמעלעכע טראפן אין דער בייכיקער פלאש אריין.

פיל איך מיט מיט דעם דעם ייד, איך שפיר זיינע ווייטאקן? האט מען דען נישט זיך אויסגעקוילעט אין דער מלחמה אין די מיליאנען, ווייל די ליבשאפט האט געפעלט? ווייל די ליידנשאפט האט געהאט די אויבערהאנט?

מיט דער ליבשאפט פון איינעם צום צווייטן ווערט געבוירן דאס, וואס האט ליב; וואס מ׳האדעוועט מיט געטריישאפט, מיט ליבשאפט; פון ליידנ־שאפט איז דער פראדוקט ליידנשאפט!

אין מיין טאטנס הויז ווי איז די זאך געווען צוגעשפיצט פון לעצטן סעיף אין „אבן העזר" ביז צום חריפותטן פילפול פונם „תומים", פונם סוד הזיווג אינם זוהר ביזן „שער הגלגולים" פון ר׳ חיים וויטאל — יעדער ריר פון גוף האט זיינע נצוצין . . . „אבער צו דער פשטות פון דער נאטור ווי קומט מען צו? זוו דער משל מיטן נמשל, דער פתרון מיטן חלום זיינען שוין איינס — ווו יעדע קשיא הערט אויף, ווו קיין שום תרוץ איז נישט מער נייטיק, ווו די נאטור אליין ווערט די העכסטע מיסטיק; ווו נישט מיט קאפ פאלט מען צו צו יעהער זאך — הארץ צו הארץ אין טיפער, — אין העכ־סטער! — תפילה — מ׳ווערט המיונדיקער דומם . . .

דער קאפ פאלט מיר אנידער מיד אויפן קישן, אבער די אויגן קוקן אלץ שארף אנגעשפיצט אויפן רויטן ברענגלעכן שפיץ אין דעם גרוי־געלן נעפל —

די אסטא וועט נעבעך ווארטן איין טאג נאך א טאג . . .

דאך „נעבעך" — —

ניין כ׳טאר נישט מער טראכטן: די געדאנקן מישן זיך, די אויגן־לעפלעך פאלן מיר צו אבער דאס קרענקלעך אנגעצונדענע אויג אויפן סופיט גיט אויף מיר א שארפן בליק און כ׳בלייב ליגן וואך ווי באוואכט פון עמעצן . . . איז עס נישט נאדיא, וואס שטייט לעבעדיק פאר מיינע אויגן, איר בליק שארף פון נעפל ארויס: א ליד איז א תרוץ אויף א קשיא — ס׳איז א תשובה אויף א שווערן חטא . . . ווו איז זי? דער חיבור איז צעריסן . . . אן דעם צווייטן טייל זיך „זוך איך דיך" איז דאס בוך — — —

אפנים איך האב געמוזט אין מיינע דמיונות איינדרימלען . . .

קוים מיך דערוואַרט אין דער פרי אויפן דאָקטאָרס באַזוך: צוקומענדיק צו מיין בעט, האָב איך אים געזאָגט פון מיין באַשלוס. ער האָט איבערגעריסן אויף מיר אַ פּאָר פאַרוואונדערטע אויגן; מיינע זענען שטיל געבליבן.

דער דאָקטאָר איז געווען אַ היימישער מענטש, ליב געהאַט יידיש צו רעדן, רעדן פון קונסט. זיין פרוי מאָלט, האָט ער מיר דערציילט. און ער האָט עס באמת געמיינט גוט מיט מיר. ער האָט מיך, ווי יעדעס מאָל, צוקומענדיק איצט צום בעט, אָנגענומען ביים דופק, זיך צוגעהערט צו אים און גערעדט צו מיר ווי צו אַ זייטיקן, ווי צו עמעצן:

„דורך די פּאָר טעג, וואָס איר זענט דאָ, איז נאָך אַפילו נישט געווען גענוג צייט פעסטצושטעלן די דיאַגנאָזע. דאָס געלקייט איז נאָר אַ סימפּטאָם, אַז ס׳איז שוין אַריין אין בלוט . . . די וואַרעמקייט אַליין קאָן שוין גוט טון, ווייל ס׳קאָן זיין ס׳איז אַ פאַרעלטערטע דערקעלטונג. ס׳קאָן אויך זיין פון שלעכטער דערנערונג״, אַ גרויסע אַנטוישונג, אַ נערוועזקייט, אַ פאַרביטערונג.

ער האָט מיך פריינטלעך אָנגעקוקט, אָפּלאָזנדיק דעם דופק: „מיר וועלן האָפן דאָס בעסטע״. אָבער תיכף כדי יהביר האָט זיך דאָס קול נעענדערט, אויך דער בליק ווי ער וואָלט עפּעס געפרעגט:

„אָבער אונטער אַזאַ סימפּטאָם קאָן אויך ליגן באַהאַלטן, עפּעס טיפעס, אַ קראַנקע לעבער, אַ ווענערישע זאַך . . . עס האַלט שוין ביי 80 פּראָצענט איצט נאָך דער מלחמה ביי אונז דאָ אין לאַנד און מיר מוזן זיין אויף דער וואָך״.

די לאַנגע דרשה מיט דאָקטאָרישער מתינות, מיט אַ ליידיקייט, אויף זיין קיילעכדיקן, פריינטלעכן פּנים, האָט מיך אויפגערעגט. אָבער דער עיקר, דער צו פריינטלעכער, שמייכלדיקער דריי מיט זיינע גוט־אויסגעראַזירטע ליפּן, ביי דעם וואָרט עפּעס „טיפעס״, האָבן מיך דערמאָנט כאַשינס נעכטיקן אויסזעען ווען ער האָט זיך מיט מיר געזעגנט . . .

דער דאָקטאָר האָט געזען מיין אויפרעגונג און אַז איך גרייט מיך עפּעס צו זאָגן, האָט מיך פאַרעמד און שאַרף אָנגעקוקט און פאַרויס פאַרכאַפּט און שוין אויף דייטש:

„ווען איך וועל פאַרענדיקן מיין רונדע, קום איך צוריק״.

עס האָט נישט געדויערט קיין גאַנצע האַלבע שעה און צוגעקומען צו מיין בעט איז חנה זוהל, די פרוי פון ד״ר זוהל.

* * * *

ס׳איז געווען ביי זיי אַ ליבע אויפן ערשטן אויגנבליק: ער איז געווען אַ יונג־געענדיקטער דאָקטאָר פילאָזאָפיע, אַקאָרשט אַהיימגעקומען פון זיין שטודיום אין דער שווייץ, מיט אַ שטאַרקער נטיה צו עסטעטיק, צו קונסט און זי — אַ בעל־הביתטיש, יידיש מיידל פון לאָדזש, מיט אַן עלעגאַנט־ענטוזיאַסטיש אויסזען, תמיד באַגייסטערט און צעפלאַמט — דאָס קוועקזילבער האַלט כסדר אין שטייגן . . . פון ליטער ליידיקיין און פון זאַט־זיין איז זי אַריינגעפאַלן אין דער אַרבעטער־באַוועגונג. איר אויסזען אין פריי־



באַנעמען האָט זי געמאַכט פאַר אַ נוצלעכער, געשיקטער האַנט אין ווichtיקע שליחותן . . .

ביז אויף איינמאָל האָט איר אַ שפּיג אָנגעהויבן נאָכגיין. האָט זי זיך שנעל צו אים אויסגעדרייט און אים געפרעגט צי זי זאָל צורופן אַ סטראַזשניק — זי איז נישט אַזאַ ווי ער מיינט . . .

ער האָט זיך פאַרלוירן אין דער ערשטער רגע, און זי איז אַריין אין אַ טויער פון אַ גרויסן הויף און אַרויס אויף דער אַנדערער זייט אין אַ צענטער גאַס.

און נאָך אין דער זעלבער נאַכט האָבן זי די עלטערן געברענגט צו דער גרענעץ און אויף אַ „לעגאַלן״ אופן געשיקט קיין לייפּציק, ווייל זיי האָבן דאָרט אַ שטיקל ווייטן קרוב.

צו איר עלעגאַנט קאָפּערל אין איין האַנט האָבן זיי איר אויך דערלאַנגט אַ פידל אין אַ פוטעראַל אין דער צווייטער. עס זאָל הייסן זי איז אַ מוזיק־סטודענטין און פאָרט טאַקע קיין לייפּציק, ווייל דאָרט איז דאָס באַרימטע קאָנסערוואַטאָריום.

אָנגעקומען בשלום קיין לייפּציק און אַרויס אויף דעם אַטעם־פאַרכאַפּנדיקן וואָקזאַל, איז זי אַ באַפרייטע, אַן ענטוזיאַסטיש־באַגייסטערטע, — ווי נאָך אַ וויכטיק־אָפּגעטוענע קאָנספּיראַטיווע שליחות! — מיט איר גאַנצער שוואַרץ־חנוועדיקייט און שלאַנקע עלעגאַנץ, דאָס עלעגאַנטע קאָפּערל אין איין האַנט, די פידל אין דער אַנדערע, איז זי — ווי אַ יונגע אַרטיסטין צו איר ערשטן אויפטריט! — אַריין אין וואַרטע־זאַל ערשט קלאָס נעמען אַ טעפּעלע קאַווע. עפענען דאָס קאָפּערל און אויסזוכן דעם אַדרעס פון דעם נאָענט־ווייטן קרוב.

אַזוי ווי ביים אַרויסגיין פון שפּיטאָל איז צווישן אונז געווען גרויס דער ספק צי גיין אַהיים צו זיי, צו די זוהלס וואוינונג, צי פאָרן קיין בערלין, האָבן מיר זיך דערווייל אויסגעגליכן, אַ פּשרה געמאַכט: אַזוי ווי מיר זענען נישט ווייט פונם וואָקזאַל וועלן מיר דערווייל אַריינגיין אויף אַ ווייל נעמען ביים בופעט אַ טעפּעלע קאַווע.

„איר זעט, אויף דעם פּלאַץ, וווּ איר זיצט, איז אַבראַם געזעסן און איך האָב מיך אַנידערגעזעצט פונקט אים אַקעגנאיבער, נישט ווייל ס׳איז נאָר געווען דער איינציקער ליידיקער פּלאַץ. דער וואָקזאַל איז געווען פונקט אַזוי ליידיק ווי איצט. נאָר באַלד ביים אַריינדרייען מיך דורך דער זיך־דרייענדיקער בופעט־טיר, האָב איך אים דערזען; זיינע גרויס־שוואַרצע אויגן ברענענדיק בשעת ער האָט דיסקוטירט מיט וועם, קוקנדיק פאַרויס. מיך דערזעענדיק, האָט זיך זיין רעדן נאָך מער צעהיצט און זיינע אויגן האָבן געפלאַקערט, זיי האָבן מיך צוגעצויגן ווי אַ מאַגנעט״.

פאַר מיר איז נישט מער געזעסן פרוי ד״ר זוהל — אַ מאַמע פון דריי קינדער, איינס שענער פון אַנדערן און אַלע דריי זעען אויס ממש ווי פון איין פאָרעם אַרויס, ווי זייער טאַטע, ד״ר זוהל.

פאַר מיר איז נישט מער געזעסן קיין פרוי פון אַ מאַן אַ קאַליקע, וואָס

שלעפּט די פּרנסה נישט פון זיין „דאָקטאָריי“, נאָר פון מעקלעריי אויפן „בריל“, א „קאָמיסיאָנער“ בלע״ז, וואָס דאָס פאַך איז נישט דאָס קענען, נאָר דאָס דרייען זיך צווישן באַקאַנטע סוחרים און „קאַלעכן“, שלעפּן פּעלעכלעך־מוס־טערן פון ביכער־פּאָרטפעל; שלעפּן א סוחר אין א ביוראָ אויפן פינפטן שטאָק אָדער אין א קעלער־לאַגער, וואו מ׳האַלט אין איין „מישן“ . . . און אין קאָפּ מישן זיך אים די כלערליי טעאָריעס איבער עסטעטיק, פראַנ־צויזישן אימפּרעסיאָניזם, איבערן דייטשן עקספּרעסיאָניזם, קוביזם, בלאָק, סטראַווינסקי . . .

פאַר מיר איז געווען יענע אַקאָרשט אָנגעקומענע לאָדזשער פּאַניענקע, אַן ענטוזיאַסטיש־עלעגאַנט פרייליין, מיט אַלע קאָנספּיראַטיווע ראַפינעסן, אַז נישט נאָר א רוסישער שפּיג קאָן פאַרלירן דעם קאָפּ אויף א רגע . . .

נישט איך קום אַקאָרשט א קראַנקער, א געל־זיכטיקער פון שפּיטאָל אַרויס, נישט זי, וואָס אין איר קאָפּ שוואַרצע האָר ווייזן זיך שוין גרויע פּעדעם און מוז יעצט אַהיימלויפן גרייטן מיטאָג פאַר א מזומן קינדער, וואָס קומען פון דער שקאָלע; פאַר א מאַן א געהעצטן — א פּרינץ פון עסטעטיק און קונסט, יאָגט ווי א הונט נאָך א ביין אין רינשטאָק אויפן בריל; וואָס זיינע ליידנשאַפטלעכע, פולע ליפּן פון קריסטוס־פּנים אַרויס, — ביי א דיסקוסיע ווערן זיי נאָך פולער און רויטער, — מוז יעצט „קאַלעכן“ פון רוסישע „פּיקסן“, פון אַלפּן מאַרדער, פון „צוגעפּאַרבטע“ פּערסיאַנער . . .

א, איז עס געווען א ליבע צווישן זיי פונעם ערשטן אויגנבליק: טאַקע דאָ ביי דעם דאַזיקן טיש אין וואָקזאַל אין דעם ערשטן קלאַס — אַן ערשט־קלאַסיקע ליבע. אָבער ווי ער האָט זיך נאָר געגעבן א שטעל אויף מיט די צוויי שטעקנס אויף צוויי אויסגעדרייטע פיס . . .

ס׳איז געווען א ליבע צווישן זיי פונעם ערשטן אויגנבליק: אָבער ווען ער האָט זיך דערוואוסט, אַז די פידל אין פוטעראַל איז נאָר א „דאַמי“, לייכטער אַריבערצוגיין די גרענעץ, דעם באַאַמטן אָפּצונאַרן . . .

יאָ, די ליבע האָט נאָך א רגע נישט אויפגעהערט, אָבער דאָס געראַנגל אויך . . . „מירע דאַרפן נאָר זיצן ביים טיש ווי־זאָ־ווי און דיסקוטירן . . .“ בלויז, גיט ער זיך נאָר א שטעל אויף: צו די קאָנצערטן געפינט ער שוין תמיד זיינע תּרוצים און פאַר מיר האָט שוין ריכאַרד תמיד א בילעט . . .

„איר ווייסט, אַז אין די ערשטע וואָכן בין איך געווען אויך אייפער־זיכטיק אויף אייך — כ׳פלעג צושליסן די טיר איך נישט אַריינצולאָזן“ . . .

* * * *

געהאַט האָב איך באַשלאָסן צו פאָרן מיט א נאַכט־צוג. קודם איז בילי־קער, והשנית מ׳קומט אָן פרי און מ׳האָט צייט זיך אַרומצוזען.

אַז פרוי זוהל האָט א דערשראָקענע זיך געכאַפּט: „די קינדער שטייען שוין פאַר דער פאַרשלאָסענע טיר!“, האָב איך שוין געוואוסט, אַז איך פאָר נישט מיטן נאַכט־צוג; ווי זי גייט נאָר אַרויס פון בופעט, גיי איך צו צו דער קאַסע נעמען דעם בילעט און מיטן ערשטן צוג . . .



## ביים ים

1

מיט לעצטע כוחות מיך אַהערגעשלעפּט איצט דאָ,
מיין גסיסה־קאַרכל נאָך אין גראַמען פאַרפלעכטן;
אַזוי ביים אויסגעבלוטיקטן זון־אונטערגיי
שקיעהדיק מיך דערפילט ביי מיין אָנקומען נעכטן.

היינט ביי דעם זון־אויפגאַנג, העלדישן געראַנגל,
ווי זי פון וואָלקן בלוטיק זיך אַרויסגעריסן,
שפיר איך מיט מיין לעצטן צאָן אין לעבן צוריק,
אין רויט־זאַפטיקן עפּל מיך אַריינגעביסן.

2

זע ווי דער ים שפּרינגט טאַנצנדיק מיר אַקעגן,
א הונט ווען דער בעל־בית איז אַהיימגעקומען;
פון זיין רויט־לעקנדיקער צונג דער סלינע־שוים,
מיט זיינע לאַפּעס מיינע פיס אַרומגענומען.

ווי פּעסט מיינע טריט איבערן ברעג איצט שפּאַנען,
מיינע פוס־אָפּדרוקן מיילן ווייט אָפּצוציילן;
און זע פאַרזאַמלט האָבן זיך מחנות מעוועס,
מיך באַגריסן, אַזוינס אַזעלכעס זיי דערציילן.

3

און אַז איך וועל נאָך טויזנט מאָל אַהערקומען,
וועל איך דען די שיינקייט אַרום קאָנען דערפאַסן?
און אויב, חלילה, מיין זיין איצט דאָ ס׳לעצטע מאָל,
פאַר גרויס געאייל מיין שריט ווי ווילד, ווי אויסגעלאַסן.

דאָס געזאַנג פון די כוואַליעס, זייער ווילד געבראַוז,
און ווי שטילינק זיי גייען אויס אין זאַמד געשאַרכל;
ווי שפּיגלדיק לעצט בלעזל צעגייט אויפן ברעג,
מיין אויער ווי ס׳ציטערט פון אויסגעכאַפּטן האָרכל.

4

איז עס זון־אויפגעאַנג אַצינד, איז עס אונטערגאַנג?
מיט אַזאַ ליכטיק געזאַנג כ׳בין אַרומגענומען,

אין חלום פארזונקען — — איז עס טאג, איז עס נאכט?
וויפל מאל דער ים אוועק און צוריק געקומען?

און צי בין איך עס נאך דער זעלבער, וואס זיצט דא,
צי איז עס אפשר גאר אן אנדערער, א צווייטער?
ווי מרה־שחורהדיק דא אהערגעקומען,
און פלוצלינג גאר אויף איין מאל אזא פרייד דערפריידטער.

5

ווי זיי פינקלען דאס מיט זייערע אייגעלעך,
פון באד פריש־געצוואגענע גייען אויף די שטערן;
די לבנה, דאס מאמע־פנים, אינמיטן,
איר וויגנליד א גאנצע נאכט נישט אויפצוהערן.

שלייער נאך שלייער ווארפט זי פון איר קאפ אראפ,
אלץ טיפער איבער וויגנדיקער וויג געבויגן;
פון מילך־וועג געקומען פלינק צולויפן,
נאכן באד עופעלע מיט מאמע־מילך אנזויגן.

6

. . . ווען די נעכט פלעגן ארייננקוקן אין פענסטער,
פינסטער געווארן אין אלע מיינע הארץ־ווינקלען;
מיט טאנצנדיקע שטערן אויף די כוואליעס איצט,
מיינע טרויעריקע אויגן ליכטיק צעפינקלען.

מיינע לעצטע לידער מוזן פריידיקע זיין!
פעלט דען אויס אין דער וועלט מרה־שחורה און טרויער?
א כוואליע אין געשוים אין ליכטיקן טרוים איצט,
אויף מיין געלעגער עס ווארפט זיך מיין קאפ, מיין גרויער.

## ... עס קאן דאך געמאלט זיין

אז ס׳איז די פאליטרע דער הימל,
דער צעוויקלטער באל־לייוונט די ערד,
און דאס עמערל די פענזלען
צו רייניקן, ווען בילד פערטיק ווערט,
דער ים? איז וויאזוי אים דען זען?
— ווי געוואלטיק גרויס ר׳מוז זיין, אומדערהערט —.

צומאל זיין האנט גאר, זיינס א פינגער,
דאס שווארצע פון אונטער זיין נאגל בלויז?
ווי ס׳לעקט זיך פון אונטער זיין פענזל



די אויפגייענדיקע זון איצט ארויס;
אויף דעם בלוט־זידיקן אונטערגרונט,
ווי לעבעדיק די מעוועז זען אויס —

„מזל טוב!" אנזאגן געקומען,
זייער ווילד־צעמישטער פריילעכער געשריי;
אויף די ביימער ארום די פייגל
„קריאת־שמע לייענען" מסתם טוען זיי;
ווי קינדיש ס׳שפרינגען פון צווייג צו צווייג —
ז׳ווילן׳ס זען אקארשט ארויס פון איי.

איז נישט געווען ביינאכט דער מולד?
פון מינדסטן פינגרל דער נאגל־שפיץ?
דער „באשיט" מיט מיליאנען שטערן —
פון זיין פענזל איבער לייוונט א שפריץ!
טויזנט טובן געצויגן א שטריך — —
א רעגנבויגן, צוקנדיקער בליץ?

די כלערליי קאלירן אצינד
איינס מיטן אנדערן געמישט און צעמישט:
חן־פינטעלע דא, פלעקעלע דארט,
בלוי שטריכעלע ברוין קנייטשעלע פארווישט,
גאנצאר ארום גין־גאלדן צעגרינט
טוי־פערלדיק, גרוי־זילבערדיק דערפרישט.

## סאנעטן

1

רעגן, רעגן, רעגן א גאנצע נאכט,
און ראפטום שווימט א זון גאר ארויס,
גין־גאלדן און קיילעכדיק און גרויס,
אזש גאנצער ארום פריידיק זיך צעלאכט.

אז ווער־זשע באנעמען קאן אזא פראכט?
קראנק־פארלאזענער פויגל נאר בלויז,
וואס קריכט פון זיין נאסער געסט ארויס,
און פאר גרויס פרייד זינגענדיק זיך צעלאכט.

פאר גרויס פרייד אזש ס׳דרייט זיך אים דער קאפ!
ראפטום לאזט ער זיך טיף טיף אראפ
נידריק, נידריקער גאנץ נאנט צו דער ערד —

שלענגל צו דער זון ארויסגעקראכן,

איז שנאבל אין אים אריינגעשטאכן — — —
געזאנג מיטאמאל שטיל ווערט און אויפהערט.

2

ווי מיט א בעלמע פארצויגן האלב בלינד,
א בעטלער איינגעהויקערט און פארקרומט,
פון הינטער וואלקן די זון ארויס קומט
מיט זאק אויף פלייצע — פאר פענסטער אצינד.

לעצטער טאפ נאך אויף וואנט און פארשווינדט!
וועל איך אויסהאלטן ביז זי צוריק קומט?
פליג פארמאטערט פון באלטן אראפזשומט
אין שפין־געוועב צו פאלן גרוי פארשפינט.

אין ווינקל די שפין לויערנדיק פארשטעקט,
איר שטאלצן שריט שאטנדיקע צעשטרעקט,
דעם לעצטן שריט פון דער זון שוין איך הארך —

אויף די צווייגן דא וואו צערוישט אין וויאן,
פון דער ווייטנס איר וואקלדיקער שפאן,
הער שטילער ווערט אינם בלעטער־געשארך.

## משמעות...

געסילעט כ׳האב פערל א גאנצן טאג,
געשליפט און פארקנופט און פעסט צוגעבונדן,
און אין מיטן פון יעדן שנירל — איינעם!
א נוס די גרויס, א קיילעכדיקן רונדן.

אבער איידער נאך אהיימגעקומען כ׳בין,
שנירל נאך שנירל גענומען צעטריפן;
געקליבן, משמעות, דעם שוים בלויז ביים ברעג,
נישט די פערל אויף ים־תהום, אויף טיפן.

## ווינטער מעשהלע (קליינע באלאדע)

ווי ס׳פליט אן אסטראנאם צום הימל ארויף,
אזוי פאלט א מלאך פונם הימל אראפ — —
פוך־ווייסע וואלקנדלעך אויף דער ערד נישטא,
ווען ער ווערט מיד, וואו אנידערלייגן זיין קאפ?

וואקלט ער אהער, פארבלאנזשעט ער אהין,
צעפליקט זיינע פליגל אויף פעדערן אויף פיך —
ווען ער וואכט אויף און צוריק ער וויל פליען,



א פליגעלע פון א פלוי אויף דער ערד כאטש זוך.

אז וואס איז א מלאך אן זיינע פליגל
א פראסטער חי־וקים, א בשר־ודם — —
שניצט ער פון א פליגל־פעדער א פען זיך,
איף צו פארדינען דאס ביסינקעלע הא־האם.

פליט אן אסטראנאם צו דער לבנה ארויף,
וואס די פעדער געשריבן נעמט ער מיט זיך מיט — —
צעשלייסט ג אט זיינע פויכיק גרויסע פליגל —
דער הימל אן אויפהער ווייסן פוך שיט און שיט.

## דער לעצטער חסד

וועלן מיר צעשטערן אונזער לשון,
די נשמה ווערן אויסגעלאשן;
קיין גאנצע אברים, נישט איבערבלייבן,
א יחזקאל זיי צונויפצוקלייבן...
א רבנן־קדיש מ׳וועט זיך אפזאגן,
מיט א הספד און א „ספיטש" באקלאגן —

זעקט מיליאן האט דער שונא פארטיליקט,
די אנדערע זעקס אליין באוויליקט
„ככל הגוים" ווידער צו ווערן;
געבן מיר אפ סאלוט מיט געווערן,
די נשמה מיט שערבלעך אויף די אויגן
אויף אייגענער ערד טויט אויסגעצויגן.

און געכתיבהט אויף פה־נטמן־ברעטל
וואו זי געוואגלט שטעטל ביי שטעטל,
א סוף־פסוק נאך וועט זיין צו לעזן:
„א הייליקע נשמה געוועזן!
די געוואלטיקע זכיה צו האבן
אין ארץ־ישראל־ערד זיין באגראבן".

## יידישע פאעטן

ווי דער כישוף־מאכער אינם ראד
מיט שפרוכן טאנצט ארום זיין שטעקן,
ווילד, ווילדער, משוגע צו ווערן,
די בייזע רוחות אפצושרעקן —

ווי אויף בראכשטול די געווינערין
געווארפן צווישן פרייד און ווייען,

אזוי ווען דאס ווארט א לעבעדיקס,
אין הארץ צאפלן ס׳נעמט און דרייען.

ווי די נביאים — די פאעטן
טראגעדיק מיט ווערטער זיי ווערן
און ווי דויד מיט זיינע פסוקים,
לאגלען אנגעפולטע מיט טרערן.

פאעטן טראגן נישט אונטער ס׳ליד,
„בעסט־סעלערס״, צווידייטיק, צום ליי׳נען;
זיי פרייען זיך מיט דער פרייד פון מענטש
און איבער זיין שפלות זיי וויינען —

תהלימדיק, ממעמקים,
דעם עול פון דער וועלט פאר די אויגן;
טלית שווער איבער קאפ געווארפן,
ביז צום גארטל אראפגעצויגן.

ליכטיקע שטערן זיינען פערזן —
אוניוועריזן אין העכסטע הייכן!
און אויב א גאט נאר איז פאראנען,
זינגענדיק צו אים זיי דערגרייכן.

ליד איז לעבעדיק — צער־פארצערטלט,
מינדסט געפיל אין אים מ׳קאן פארלעצן;
נאר אפגעדרוקט — שוין פארלאשן,
ערשט אין פרעמד לשון איבערזעצן?

## „עיקר שכחתי״

דעם דיכטער מלך ראוויטשן, צום זיין נייעם בוך לידער

. . . יא, מ׳גריבלט זיך, מ׳גריבלט זיך אזוי לאנג
ביז מען דערגריבלט זיך טיף אין גריבל;
אבער אז מיט אלע טויזנט טעמען
מ׳כאפט נאך אינצווישן אריין א ליבל —

און יידישלעך עס אזוי באגראמען!
איז וואס־זשע נאך קאן א מענטש פארלאנגען?
אז נאך אלע אין־סוף געראנגלען
דערגאנגען צו „דו און איך״ געזאנגען — —

„די יוגנט די עלטער נישט פארשעמען״!
דאך תמיד די העכסטע פרייד געוועזן.
דאס, ראוויטש, די גאנצע צייט געטראכט,



אייער „עיקר שכחתי״ געלעזן.

און צום סוף און צום עיקר העיקר:
אייער „קול קורא״ מ׳וועט אים דערהערן —
און נישט נאר בלויז „אויף יענער זייט גבול״,—
אויב גאנצע וועלט קיין מדבר נישט ווערן.

יא, עיקר שכחתי: אזא מין בוך
קאן נישט זיין דאס לעצטע פון א שרייבער;
אזעלכעס „גראמען געשריבן אין זאמד״
מאכט ערשט פון א דיכטער אן אנהייבער.

און ווי ייִנג ווערט ער דעמלט ערשט, ווען „א
זקן פארשפילט זיך מיט זיינע לידער״ —
„אויף דער שוועל״ פאר טאטע מאמע־טיר, א
קינד מיט פאלאנט און רייף, שטייט ער ווידער.

אייזיק גאלדבערג

## מנשה ווייסגראז ע״ה

פאר מיר פערזענלעך איז עס א גרויסער פארלוסט וואס מנשה ווייסגראז איז נישט מער דא צווישן די לעבעדיקע! עפעס קאן איך נישט שלום מאכן דערמיט, אז עס איז וואר.

אחוץ דעם וואס ער איז געוועזן מיינער א גייסטיקער פריינט, איז ער אויך געוועזן א בן־עיר פון לאדזש. נאך פון דער יוגנט זענען מיר געוועזן געזעלשאפטלעך נאענט פארבונדן. במשך פון אריבער צוויי צענדליק יאר האבן מיר געלעבט אין בערלין, זיך באטייליקט אויף דעם יידיש־קולטורעלן־געביט. ער איז אלעמאל געוועזן שטארק פאראינטערעסירט מיט דעם געזעלשאפטלעכן לעבן און מיט דעם יידישן לעבן בכלל.

באזונדערס זענען מיר אין בערלין נאענט געווארן איינער צום אנדערן ביי דער טעטיקייט פונם „לאדזשער לאנדסמאנשאפט־פאריין״, וועלכער האט געשפילט א וויכטיקע ראלע אינם יידישן לעבן אויף דעם געזעלשאפטלעכן, קולטורעלן און ליטערארישן געביט.

גענוי ווי איך, איז ער געוועזן פון די געציילטע, וועלכע האבן געהאט דאס מזל זיך צו ראטעווען פונם היטלער־גיהנום און געפינען אין ענגלאנד א מקום־מנוחה פאר זיך און זיין פאמיליע. די קינדער זיינע געדענק איך נאך ווען זיי זענען גאר יונג געוועזן.

אויך דא אין לאנדאן האט די נאענטקייט ווייטער אנגעהאלטן צווישן אונז אריבער דרייסיק יאר, אזוי, אז איך קאן צוריקבליקן אויף א צייט פון אריבער פופציק יאר פון אונזער פריינטשאפט און גייסטיקער נאענטקייט.

אבער וויכטיק איז מיט דעם וואס מיר האבן אים פארלוירן, האבן

LOSHN UN LEBN
1968-1970
L.C.
870

מיר צו פארצייכענע [illegible] כלל, ווייל מנשה ווייסגראַז איז נישט [illegible] ידמעט זיין לעבן בלויז פאר זיך אלי[illegible] קרייז, נאר אויך דער געזעלשאַפט — [illegible] יישן וואָרט. מיט דעם האט ער געלע[illegible]

תמיד און אימע[illegible] ישע סביבה, וואו זיך צו קאנען אויסלע[illegible]. ער איז געוועזן טעטיק ביים פאריין [illegible] אלס וויצע־פרע־זידענט אא״וו אויך [illegible] קלאסיקער און פון די לעצטע יידישע [illegible] אַכמיטאגס״, אנ־געפירט פונם דיכטער [illegible] טריבן אין „לשון און לעבן״ זער אפט [illegible] ידישע מיטינגען, פאראנשטאלטונגען א[illegible] איז אלעמאל געוועזן אנגעווייטאקט מיט יידישן פיין און פאראינטערעסירט מיט אלערליי פראגן און פראבלעמען פון יידישן לעבן אין דער גארער וועלט.

ער איז אויך געוועזן זער באהאוונט אין יידיש וויסן און אין דער יידישער ליטעראטור. זיין גייסט און ענטוזיאזם צו יידישער קולטור און יידיש בוך האט אים באגלייט זיין גאנץ לעבן. ער האט זיך אלעמאל געצאצקעט מיט זיין אייגענער פריוואט ביבליאטעק פון יידישע ביכער, אנגעהויבן פון די קלאסיקער ביז די יידישע שרייבער פון היינט־צו־טאג. פון זיינע יונגע יארן אן איז ער געשטאנען נאענט צום „בונד״, אבער זיין איינשטעלונג איז געווען אומפארטייאיש, מער נאענט פאר דעם יידישן כלל.

מיט עטלעכע יאר צוריק האט ער באזוכט ישראל, וואו ער איז געווען זער באגייסטערט, אז ער האט עס אזש געפונען פאר נויטיק אנצושרייבן זיינע איינדרוקן פון דארטן. ער האט זיך געאייסערט פאר מיר, אז ער האט זיך אליין נישט געגלויבט צו ווערן אזוי עמאציאנעל; אז ביים אנקומען אין ישראל האט ער זיך געשטיקט מיט טרערן פאר פרייד . . .

מנשה ווייסגראז האט דערגרייכט א הויכע עלטער, פון אריבער אכציק יאר. אבער ער איז געווען גייסטיק יונג ביז צו זיין ענד. עס איז געווען א נחת־רוח מיט אים צו פארברענגען. מיט זיין אוועקגיין פון די לעבעדיקע איז אויך אוועק א שטיק יידיש לעבן פונם לאנדאנער יידישן ישוב, וועלכער ווערט דא אויף דעם יידיש־קולטורעלן געביט פון טאג צו טאג אלץ ליידיקער . .

ער האט איבערגעלאזט א פרוי, צוויי זין, א טאכטער, שנירן און איניק־לעך, וועלכע קאנען מיט דעם גוטן נאמען, וואס ער האט איבערגעלאזט, געפינען א טרייסט.

יעדער איינער, וואס איז געקומען אין גייסטיקן קאנטאקט מיט מנשה ווייסגראַז, וועט פילן, אז עס האט זיך ווידער אפגעבראָקלט א שטיק יידישלעך לעבן פון לאנדאן, וואס קאן מער נישט ווערן אויסגעפילט . . .

כבוד זיין אנדענקען!



מ. מארגנשטערן

# שמואל וווהייט

ווען מיר רעדן פון שמואל וווהייט, דארפן מיר זאגן אמאל און היינט.

ער איז געבוירן געווארן אין לאדזש מיט 80 יאר צוריק, און איז געקו־מען אהער אלס קינד מיט זיינע עלטערן.

גאנץ צופעליק האב איך אים געטראפן אין 1922.

„וווהייטשעפל״ איז געווען „א יידישע מדינה״ די שילדן פון די געשעפטן האבן געהאט פירקאנטיקע אותיות, צוויי טעגליכע צייטונגען און איין אוונט צייטונג.

די אנארכיסטן האבן ארויסגעגעבן א וואכן זשורנאל דער „ארבעטער פריינד״, ברוך וויינבערג איז געווען דער רעדאקטאר און ארויסגעבער פון „פאמיליען־פריינד״, און אביסל שפעטער איז ער געווארן דער פארלעגער פון דר. זאלקינס תלמוד אין יידיש.

מיט אפאר יאר שפעטער, האט דר. שטיינבערג ארויסגעגעבן „דאס פרייע־ווארט״ און לאמיר נישט פארגעסן די יום טובים בלעטער.

דאס יידישע לאנדאן האט אויך געהאט צוויי טעאטערס, פאוויליאן און די גרענד פאלעי, און אמאל האבן אויך געשפילט „געסט״ אין אנאנדער טעאטער אדער אין א זאל.

דער ארבעטער רינג, „איי בעג יאר פארדאן״ ווארקערס סערקל, האט פארמאגט א כאר און אנגעפירט א גרויסע טעטיקייט.

אין קיין גוי האט מען אין אלדגייט נישט געקענט געפינען.

ס. פאלמע, איז אין די זעלבע צייט געקומען פון קאנוועגשן, און האט ארויסגעגעבן די רויטע רויזן און א פאר אנדערע ביכער.

עס איז געווען א לעבעדיק, רוישיק און שטורמיש לעבן, די בונדיסטן האבן בעקעמפט די פועלי ציוניסטן, קאמוניסטן די חסידים, חסידים מיט אלעמען.

און יידיש איז געווען „מאמע לשון״ יידן אין יידינעס האבן אבגעלעבט זייער גאנץ לעבן אין די איסט־ענד און האבן קיין איין ווארט ענגליש נישט געקענט רעדן. און די קינדער האבן זער גוט געקענט שעלטן אין יידיש.

אבער, ווער וועט דערציילן די אלע מעשיות, און ווו זענען די יורשים, און פאר וועמען לאזן מיר איבער אונזערע טייערע טויזנט יעריקע ירושה.

אין יענע יארן (די 20־ער) איז סעם וווהייט געווען ביי מיר אן עלטערער מאן. (ווען איך בין עלטער געווארן, איז אונזער פאעט געווארן יינגער . . .)

באלד ווי איך האב אים געטראפן האט ער מיר פארבעטן צו זיך אהיים, פרייטאג איז געווען ביי די וווהייט׳ס „אן אפען האוז״ אלע שרייבער, קינסט־לער, אקטיארן, לאנדאנער אדער געסט פון אויסלאנד זענען געקומען צו סעם און אסתר וווהייט.

פרייטאג ביינאכט איז געווען אן עונג שבת.

AUTHOR
Cl. Mark
Date sent:

מיר צו פארצייכענע [illegible] כלל, ווייל מנשה ווייסגראז איז נישט געווען דער מענטש, וואס האט געווידמעט זיין לעבן בלויז פאר זיך אליין פריוואט אין זיין ענגען משפחה־קרייז, נאר אויך דער געזעלשאפט — יידישער קולטור און בכלל דעם יידישן ווארט. מיט דעם האט ער געלעבט, געאטעמט ביז זיין לעצטן טאג.

תמיד און אומעטום האט ער געזוכט די געהעריקע יידישע סביבה, וואו זיך צו קאנען אויסלעבן, נישט סתם פאסיוו, נאר אויך אקטיוו. ער איז געווען טעטיק ביים פאריין „פריינט פון יידיש־לשון" א צייט לאנג אלס וויצע־פרעזידענט אא"וו. אויך פלעגט ער רעציטירן פון די יידישע קלאסיקער און פון די לעצטע יידישע שרייבער ביי די „ליטעראַרישע שבת־נאכמיטאגס", אנגעפירט פונם דיכטער א. נ. שטענצל, און טיילמאל אויך געשריבן אין „לשון און לעבן". זער אפט האט מען אים געטראפן ביי פארשידענע יידישע מיטינגען, פאראיינשטאלטונגען אא"וו. זיין הארץ איז אלעמאל געווען אנגעוויטאקט מיט יידישן פיין און פאראינטערעסירט מיט אלערליי פראגן און פראבלעמען פון יידישן לעבן אין דער גארער וועלט.

ער איז אויך געווען זער באהאוונט אין יידיש וויסן און אין דער יידישער ליטעראטור. זיין גייסט און ענטוזיאזם צו יידישער קולטור און יידיש בוך האט אים באגלייט זיין גאנץ לעבן. ער האט זיך אלעמאל געצאצקעט מיט זיין אייגענער פריוואט ביבליאטעק פון יידישע ביכער, אנגעהויבן פון די קלאסיקער ביז די יידישע שרייבער פון היינט־צו־טאג. פון זיינע יונגע יארן אן איז ער געשטאנען נאענט צום „בונד", אבער זיין איינשטעלונג איז געווען אומפארטייאיש, מער נאענט פאר דעם יידישן כלל.

מיט עטלעכע יאר צוריק האט ער באזוכט ישראל, וואו ער איז געווען זער באגייסטערט, אז ער האט עס אזש געפונען פאר נויטיק אנצושרייבן זיינע איינדרוקן פון דארטן. ער האט זיך געאויסערט פאר מיר, אז ער האט זיך אליין נישט געגלויבט צו ווערן אזוי עמאציאנעל; אז ביים אנקומען אין ישראל האט ער זיך געשטיקט מיט טרערן פאר פרייד . . .

מנשה ווייסגראז האט דערגרייכט א הויכע עלטער, פון אריבער אכציק יאר. אבער ער איז געווען גייסטיק יונג ביז צו זיין ענד. עס איז געווען א נחת־רוח מיט אים צו פארברענגען. מיט זיין אוועקגיין פון די לעבעדיקע איז אויך אוועק א שטיק יידיש לעבן פונם לאנדאנער יידישן ישוב, וועלכער ווערט דא אויף דעם יידיש־קולטורעלן געביט פון טאג צו טאג אלץ ליידיקער . .

ער האט איבערגעלאזט א פרוי, צוויי זין, א טאכטער, שנירן און אייניקלעך, וועלכע קאנען מיט דעם גוטן נאמען, וואס ער האט איבערגעלאזט, געפינען א טרייסט.

יעדער איינער, וואס איז געקומען אין גייסטיקן קאנטאקט מיט מנשה ווייסגראז, וועט פילן, אז עס האט זיך ווידער אפגעבראכן א שטיק יידישלעך לעבן פון לאנדאן, וואס קאן מער נישט ווערן אויסגעפילט . . .

כבוד זיין אנדענקען!



מ. מארגנשטערן

# שמואל וווהייט

ווען מיר רעדן פון שמואל וווהייט, דארפן מיר זאגן אמאל און היינט.

ער איז געבוירן געווארן אין לאדזש מיט 80 יאר צוריק, און איז געקומען אהער אלס קינד מיט זיינע עלטערן.

גאנץ צופעליק האב איך אים געטראפן אין 1922.

„וווהייטשעפל" איז געווען „א יידישע מדינה" די שילדן פון די געשעפטן האבן געהאט פירקאנטיקע אותיות, צוויי טעגליכע צייטונגען און איין אוונט צייטונג.

די אנארכיסטן האבן ארויסגעגעבן א וואכן זשורנאל דער „ארבעטער פריינד", ברוך וויינבערג איז געווען דער רעדאקטאר און ארויסגעבער פון „פאמיליען־פריינד", און אביסל שפעטער איז ער געווארן דער פארלעגער פון דר. זאלקינס תלמוד אין יידיש.

מיט אפאר יאר שפעטער, האט דר. שטיינבערג ארויסגעגעבן „דאס פרייע־ווארט" און לאמיר נישט פארגעסן די יום טובים בלעטער.

דאס יידישע לאנדאן האט אויך געהאט צוויי טעאטערס, פאוויליאן און די גרענד פאלעי, און אמאל האבן אויך געשפילט „געסט" אין אנאנדער טעאטער אדער אין א זאל.

דער ארבעטער רינג, „איי בעג יאר פארדאן" ווארקערס סערקל, האט פארמאגט א כאר און אנגעפירט א גרויסע טעטיקייט.

און קיין גוי האט מען אין אלדגייט נישט געקענט געפינען.

ס. פאלמע, איז אין די זעלבע צייט געקומען פון קאנווענשן, און האט ארויסגעגעבן די רויטע רויזן און א פאר אנדערע ביכער.

עס איז געווען א לעבעדיק, רוישיק און שטורמיש לעבן, די בונדיסטן האבן בעקעמפט די פועלי ציוניסטן, קאמוניסטן די חסידים, חסידים מיט אלעמען.

און יידיש איז געווען „מאמע לשון" יידן און יידינעס האבן אבגעלעבט זייער גאנץ לעבן אין די איסט־ענד און האבן קיין איין ווארט ענגליש נישט געקענט רעדן. און די קינדער האבן זער גוט געקענט שעלטן אין יידיש.

אבער, ווער וועט דערציילן די אלע מעשיות, און ווו זענען די יורשים, און פאר וועמען לאזן מיר איבער אונזערע טייערע טויזענט יעריקע ירושה.

אין יענע יארן (די 20־ער) איז סעם וווהייט געווען ביי מיר אן עלטערער מאן. (ווען איך בין עלטער געווארן, איז אונזער פאעט געווארן יינגער . . .)

באלד ווי איך האב אים געטראפן האט ער מיר פארבעטן צו זיך אהיים, פרייטאג איז געווען ביי די וווהייט'ס „אן אפען האוז" אלע שרייבער, קינסטלער, אקטיארן, לאנדאנער אדער געסט פון אויסלאנד זענען געקומען צו סעם און אסתר וווהייט.

פרייטאג ביינאכט איז געווען אן עונג שבת.

איך בין באלד געווארן א בן־בית, איך האב געהאט דעם כבוד צו טרעפן דארטן, שניאור, א פאטאשן, שלום אש, סעגאלאוויטש, מאריס שווארץ, משה עובד, הערש, מאריס מייער, און א סך אנדערע.

ווי אזוי אסתר ווהייט האט באוויזן צוצוגרייטן באדעקטע טישן און קיינמאל נישט געווּסט ווער און וויפל געסט וועלן קומען, און ביז דעם היינטיקן טאג איז עס א רעטעניש.

שמואל האט געהאט צוויי ליבעס 1) זיין אסתר׳ל 2) די יידיש יידישע קולטור. זיין התלהבותדיקער מעורר פון אלץ וואס איז יידיש איז פראסט פשוט געווען צו באוואונדערן.

אין אנפאנג פון די מלחמה ווען שמואל און אסתר ווהייט זענען אוועק פון סטעמפארד־הילל, די פארטיס וועלכע זיי האבן געמאכט, נור די וועלכע זענען דארטן געווען וועלן עס געדענקען פאר א לאנגע צייט.

דא איז פון א בריוו וואס איך האב געשריבן ווען די נשמה קלאנגען זענען ארויס פון דרוק.

„דאס דערמאנט זיך מיר אין א מעשה׳לע פון פרץ: נאך די חתונה פלעג ער זיצן ביי א בלאט גמרא און זי האט געלייענט איר ראמאן.

האט דער יינגערמאן געזאגט צו זיין ווייבל, וואס טויג דיר די נאריש־קייטן, איך וועל לערנען מיט א ביסל חכמה, האט ער געלערנט — און זי איז אנטלאפן געווארן,

האט דאס יינגע ווייבל געזאגט, איך וועל בעסער פאר דיר לייענען א שיין מעשהלע, נו, איז ער אנשלאפן געווארן.

פרץ ענדיקט זיין מעשה, דאס מען דארף שרייבן דאס אלע זאלן קענען לייענען.

איך האב פארענדיקט מיין בריף, דאס דער יידיש פון שמואל איז „פאלק יידיש“ און דאס אלע קענען עס לייענען, און מען דארף נישט זיך צוברעכן די ציין.“

די לעצטע מלחמה האט געמאכט א חורבן נישט נור פון אייראפעאישן יידענטום נור אויך פון יידישן לאנדאן.

נישט דא מער קיין יידישע צייטונגען, דאס יידישע טעאטער האט נישט קיין היים.

שמואל ווהייט האט קיין מאל נישט געזאגט; דאס ער איז דער איין און איינציקער אדער דער בעסטער.

דאס ארעמע יידישע לאנדאן איז אבער דאך געווארן אסך ארעמער מיטן טויט פון פאעט שמואל ווהייט.

## אמאל און אצינד

די טעג דערשיינט אין נאראד־פערלאג א בוך סקיצן און פעליעטאנען „אמאל און אצינד“ פון משה בעקערמאן ע״ה, ארויסגעגעבן פון די קינדער פונם מחבר, און עקסטרע דאנק די טאכטער ראז פעלדמאן (די פרוי פון אדוואקאט פעלדמאן) וואס ביי איר אין הויז, האט דער פאטער פארן שטארבן ממש מסדר געווען דאס בוך און זי האט עס איבערגעגעבן צום דרוק.